NEW

# לקוטי שיחות

EMOR אמור

VOLUME 1, P. 263–272

# LIKKUTEI SICHOS

INSIGHTS INTO THE WEEKLY PARSHA

BY THE LUBAVITCHER REBBE

Dedicated to

# Emmanuel (Mendel) Karp

*1905 - 1989*

son of Bernard (Berl) and Rose (Rezele)

Manny Karp was the first of his family born in the United States, in 1905. His first language was Yiddish. Losing his mother to the Spanish Flu shaped his resilience and commitment to helping others, ultimately leading to a career as a guidance counselor in Philadelphia public schools. He also served many years as the director of Camp Akiba in the Poconos.

Karp's legacy is characterized by his optimism and unwavering dedication to learning and mentorship. Emmanuel Karp died in 1989.

# EMOR I | אמור א

Adapted from a *sichah* delivered on *Shabbos Parshas Acharei,* 5719 (1959)

## Introduction

Time is uniform. Our experience of it is not. Certain days and moments – birthdays, anniversaries, holidays – stand out from the continuum of our days. In the Jewish calendar, months also have their distinct characters: Tishrei is an inclusive month, containing festivals that encompass the full spectrum of our spiritual emotions; Nissan features redemptive energy, and so forth.

The month of Iyar lacks the drama of the festivals or fasts that highlight other months. Nevertheless, it possesses a unique distinction: Every single day of the month is associated with a *mitzvah, Sefiras HaOmer* (the Counting of the *Omer*). There are *mitzvos* connected with other months or days, but the connection involves the linkage of two separate entities, the day and the *mitzvah*. By contrast, when it comes to *Sefiras HaOmer*, the *mitzvah* is to count the day – the time – itself. Iyar stands out as the only month that offers the opportunity to sanctify each of its days through active Divine service.

When we count each day of Iyar, we don't just mark the passing of time, we provide a bridge to carry forward the redemptive energy of Pesach toward its fulfillment at Sinai. Counting days helps us to make the days themselves count, to make them transformative conduits to the reliving of the Giving of the Torah.

# Counting Every Day

## A Month of *Mitzvos*

**1. The month of Iyar possesses an advantage over all** other **months of the year. Each day of the month is connected with a *mitzvah* – the *mitzvah* of *Sefiras HaOmer* (the Counting of the *Omer*).** The *Omer* is counted in the months of Nissan and Sivan as well; however, **in the month of Nissan, only the second half of the month is connected with** this **counting, and in the month of Sivan, only the beginning. By contrast, all the days of the month of Iyar are connected with this** *mitzvah*.

Other months also have unique distinctions. For example, **we do not recite the *Tachanun* prayer during most of the month of Tishrei and the entire month of Nissan.** Moreover, ***Shelah*[1] interprets the verse,[2] "This month shall be for you the head of months," to mean that all the days of Nissan are in the category of *Rosh Chodesh. Nevertheless,* the virtues of the days of Tishrei and Nissan relate** to the days **themselves; they are not connected with man's Divine service at that time. By contrast, the virtue of the days of the month of Iyar is connected with man's Divine service – the *mitzvah* of *Sefiras HaOmer*** we fulfill.

**The relationship of the days of the counting to the *mitzvah* of counting is greater than the relationship other times share with the *mitzvos*** associated with them. **At other times, the *mitzvah* is not connected to the day itself** – it is a separate matter – **as with the *mitzvah*** of eating ***matzah*** **on Pesach, which is distinct from the day**

א. חֹדֶשׁ אִיָּר הָאט אַ מַעֲלָה אוֹיף אַלֶע חָדְשֵׁי הַשָּׁנָה, מִיט דֶעם וָואס יֶעדֶער טָאג פוּן חֹדֶשׁ אִיז פַאַרְבּוּנְדְן מִיט אַ מִצְוָה - דִי מִצְוָה פוּן סְפִירַת הָעוֹמֶר.

אִין חֹדֶשׁ נִיסָן, אִיז נָאר דִי צְוֵויטֶע הֶעלְפְט פוּן חֹדֶשׁ פַאַרְבּוּנְדְן מִיט סְפִירָה; אִין חֹדֶשׁ סִיוָן אִיז נָאר דֶער אָנְהוֹיבּ פַאַרְבּוּנְדְן מִיט סְפִירָה, אָבֶּער אִין חֹדֶשׁ אִיָּר זַיְינֶען כָּל יְמֵי הַחֹדֶשׁ פַאַרְבּוּנְדְן מִיט דֶעם.

הֲגַם דֶעם רוֹב פוּן חֹדֶשׁ תִּשְׁרֵי אוּן גַאנְץ חֹדֶשׁ נִיסָן זָאגְט מֶען נִיט קֵיין תַּחֲנוּן, אוּן אוֹיף חֹדֶשׁ נִיסָן שְׁטֵייט הַחֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם רֹאשׁ חֳדָשִׁים, טַיְיטשְׁט דֶער שְׁלָ"ה[א] אַז אַלֶע טֶעג פוּן נִיסָן זַיְינֶען בִּבְחִינַת רֹאשׁ חֹדֶשׁ, זַיְינֶען אָבֶּער דִי מַעֲלוֹת פוּן יְמֵי תִּשְׁרֵי וְנִיסָן נִיט פַאַרְבּוּנְדְן מִיט עֲבוֹדַת הָאָדָם דֶעמָאלְט. דָאס אִיז אַ מַעֲלָה מִצַּד עַצְמָהּ. אָבֶּער דִי טֶעג פוּן חֹדֶשׁ אִיָּר הָאבְּן אִין זִיךְ אַ מַעֲלָה וָואס אִיז פַאַרְבּוּנְדְן מִיט עֲבוֹדַת הָאָדָם - מִצְוַת סְפִירַת הָעוֹמֶר.

דִי שַׁיְיכוּת פוּן יְמֵי הַסְּפִירָה צוּ מִצְוַת הַסְּפִירָה אִיז מֶער וִוי דִי שַׁיְיכוּת פוּן אַנְדֶערֶע זְמַנִּים צוּ דִי מִצְוֹת וָואס אִין זֵיי. אִין אַנְדֶערֶע זְמַנִּים הָאט דִי מִצְוָה נִיט צוּ טָאן מִיט דֶעם טָאג גּוּפָא, אַזוֹי וִוי בַּיי מִצְוַת אֲכִילַת מַצָּה בַּפֶּסַח, אִיז דָאךְ דִי מִצְוָה אַ בַּאזוּנְדֶער עִנְיָן פוּן דֶעם

1. His Tractate *Pesachim; Torah SheBichsav*, the end of *Parshas Bo.*

2. *Shmos* 12:2.

**of the fifteenth of Nissan;** the obligation of the *mitzvah* merely occurs on that day. **But with** ***Sefiras HaOmer*****, the** ***mitzvah*** **is to count the day – the time – itself. The virtue of the month of Iyar is that all its days are themselves intrinsically connected to a** ***mitzvah*****.**

זְמַן גוּפָא וָואס אִיז אִין ט"ו בְּנִיסָן, מֶער נִיט וָואס דֶער חִיוּב פוּן דֶער מִצְוָה אִיז אִין דֶעם טָאג, אָבֶּער סְפִירַת הָעוֹמֶר אִיז דִי מִצְוָה צוּ צֵיילְן דֶעם טָאג, דֶעם זְמַן. דִי מַעֲלָה פוּן חֹדֶשׁ אִיָּר אִיז וָואס אַלֶע זַיְינֶע טֶעג זַיְינֶען אַלֵיין פַארְבּוּנְדְן מִיט אַ מִצְוָה.

## A Common Denominator for the Month of Iyar

**2. The** ***mitzvah*** **of** ***Sefiras HaOmer*** **is relevant to each day of the counting. Beyond this, counting each day relates to** – and affects – **all the days of the counting,** both **the preceding days**[3] **and the subsequent days.** Moreover, *Sefiras HaOmer* serves as a preparation for the festival of Shavuos,[4] which commemorates the Giving of the Torah. As such, each day of the counting **affects the preparation for receiving the Torah as a whole. This virtue exists equally during all the days of counting;** thus, **the month of Iyar** is unique in that **all the days of the month are equal.**

ב. דִי מִצְוָה פוּן סְפִירַת הָעוֹמֶר אִיז נוֹגֵעַ יֶעדְן טָאג. אוֹיסֶער דֶעם, אִיז דֶער צֵיילְן יֶעדְן טָאג נוֹגֵעַ אוֹיךְ צוּ כָּל יְמֵי הַסְפִירָה, צוּ דִי פְרִיעֶרְדִיקֶע טֶעג[ב] אוּן צוּ דִי שְׁפֶּעטֶערְדִיקֶע טֶעג, בִּיז דָאס אִיז נוֹגֵעַ אוֹיךְ צוּ דֶער כְּלָלוּת הַהֲכָנָה צוּ קַבָּלַת הַתּוֹרָה.

אוּן אָט דִי מַעֲלָה אִיז אִין אַלֶע סְפִירָה־טֶעג גְלַיְיךְ.

דָאס הֵייסְט: אִין חֹדֶשׁ אִיָּר אִיז דָא אַן עִנְיָן וָואס מִצַד אִים זַיְינֶען אַלֶע טֶעג פוּן חֹדֶשׁ גְלַיְיךְ.

## Hierarchies in Time

**3. In general, the months of the year** are characterized by **differences between the beginning of the month and the end of the month.**

*Pardes Rimonim*[5] **states that the twelve months of the year correspond to the twelve permutations of G-d's name** ***Havayah.***[6] Just as this **name of G-d consists of four letters, so too, each month contains four weeks.** (**The additional days are considered subsidiary to these four weeks.**)

ג. בִּכְלַל, אִין דִי חֳדָשִׁים פוּן יָאר זַיְינֶען דָא חִילוּקִים פוּן אָנְהוֹיבּ חֹדֶשׁ מִיט סוֹף הַחֹדֶשׁ.

אִין פַּרְדֵס[ג] שְׁטֵייט אַז דִי י"ב חָדְשֵׁי הַשָּׁנָה זַיְינֶען כְּנֶגֶד י"ב צֵירוּפֵי הֲוָיָ'. אִין שֵׁם הֲוָיָ' זַיְינֶען פַארַאן פִיר אוֹתִיוֹת, זַיְינֶען אוֹיךְ אִין יֶעדֶער חֹדֶשׁ פַארַאן פִיר וָואכְן (אוּן דִי יָמִים הַנוֹסָפִים וֶוערְן נִטְפָּל צוּ דִי פִיר וָואכְן) וכו'.

---

3. Counting on a later day endows the preceding days with **the virtue** of being part **of "seven perfect weeks" – in addition to the advantage of being perfect in and of themselves,** (Because of the latter quality, when one counts, **he recites a blessing even if the counting is nullified afterwards** because the person failed to count a day). See the third *sichah* for this *parshah,* which emphasizes this concept.

4. As reflected in the fact that Shavuos is celebrated on the fiftieth day of *Sefiras HaOmer.*

5. ***Pardes Rimonim, shaar*** **13, sec. 3,** ***et al.***

6. This is the way in which the four-lettered name of G-d (י-ה-ו-ה) which is not read as written due to its holiness is referred to in Kabbalah and *Chassidus.*

Now, **the** earlier a **letter** or letters appear **within** G-d's **name *Havayah, the* superior** its quality is **to** those letters that follow. **In general, in the first permutation of the name – i.e., its** primary **order – the first two letters י-ה, possess an advantage over the second two, ו-ה.**[7] **Similarly, in all the permutations of that name, the first half** of the name is superior **to the second half.**

**It is understood that, according** to that pattern, **one week** of every month will **be superior to another and, in general, the first two weeks will be superior to the later ones. Based on this distinction, there is also a difference regarding** holding **marriages and the like during the first half of the month** versus holding them in **the second half.**[8]

**However, in the month of Iyar, all days of the month share an equality because of the aforementioned element of man's Divine service.**

פון דעם איז פארשטאנדיק, אז אזוי ווי אין שם הוי' איז דא א מעלה פון איין אות אויפן צווייטן, ובכללות - פון י־ה אויף ו־ה[ז] אין צירוף הא' - השם כסדרו ועל דרך זה אין חצי הא' על חצי הב' בכל הצירופים, אזוי איז אויך דא א מעלה פון איין וואך אויף דער אנדערער, ובכללות - די ערשטע צוויי וואכן זיינען העכער פון די שפעטערדיקע.

וואס מצד דעם דערמאנטן חילוק איז דא א הפרש אויך לענין נשואין וכו' פון ערשטן האלבן חודש ביזן צווייטן[ח]. אבער אין חודש אייר זיינען אלע טעג פון חודש גלייך אין דעם דערמאנטן ענין פון עבודת האדם.

## Creating a Sequence

**4. What factor enables us to bring about the equality of all the days of the month of Iyar? The name of the month, Iyar (אייר) – which is an acronym for Avraham, Yitzchak, Ya'akov, and Rachel – hints at this. The four serve as the four "supports of the** Divine **Chariot."**[9] **This hint is also cited in *nigleh,* the revealed, primarily legalistic dimension of the Torah, within** the context of ***halachah.***[10]

**The concept of** the Patriarchs serving as **a chariot** (*merkavah*) for G-d **is explained in *Tanya:***[11] **"All their limbs were holy and separated from matters of this world."** A chariot is an apt analogy for one who **has no personal interests at all. Even in material matters,** his approach is, **"Know Him in all your ways,"**[12] so that every element of his existence is suffused with

ד. דורך וואס פועל'ט מען אז אלע טעג פון חודש זאלן זיין גלייך? אויף דעם איז דער רמז אין נאמען פון חודש: אייר, ראשי תבות א'ברהם, י'צחק, י'עקב, ר'חל. וואס זיי זיינען די ד' רגלי המרכבה, וואס דער רמז איז דאך געבראכט אויך בנגלה דתורה להלכה[י].

דער ענין פון א מרכבה איז ווי ער זאגט אין תניא[יא]: שכל אבריהם כלם היו קדושים ומובדלים מעניני עולם הזה. איז בשעת מען האט כלל ניט קיין אייגענע ענינים ווארום אויך אין די ענינים הגשמיים, בכל דרכיך - איז דעהו, און מען איז

7. See *Tanya, Iggeres HaTeshuvah,* ch. 4, *Sefer shel Beinonim.* ch. 26.

8. See *Rama, Shulchan Aruch, Even HaEzer* 64:3.

9. *Megaleh Amukos, Parshas VaEschanan, ofen* 121, *et al.*

10. ***Beis Shmuel,*** **commenting on *Shulchan Aruch, Even HaEzer* 126:2. See *MeOrei Or, maareches alef,* subsection 84.**

11. ***Tanya,* ch. 23.**

12. *Mishlei* 3:6. See *Rambam, Hilchos De'os* 3:3.

knowledge and service of G-d. When **a person's** life **is completely devoted to G-dliness,** he resembles **a chariot whose entire purpose is only to carry out the will of the rider.** He is totally devoted to G-d and His *mitzvos*.

When a **person's entire** focus **is solely** on **G-dliness, all his days are equal.**[13] The ramifications of this approach extend beyond the month of Iyar and affect the preceding and following months as well.

**Through the Divine service of *Sefiras HaOmer* in the month of Iyar** – that we each become **chariots** for G-d – **the month becomes an intermediary between the month of Nissan** and the month of Sivan. Nissan is the month of the Exodus, whose purpose is: **"When you take the people out of Egypt, you shall serve G-d on this mountain."**[14] ***Ta'avdun*** **("you shall serve") implies *avodas eved* (the service of a servant)**, service carried out with ***kabbalas ol*** **(the acceptance of** G-d's **yoke)**, the service of *Sefiras HaOmer* during Iyar. This sequence prepares for **the third month, *yarcha telisa'i* (Sivan), in which the threefold Torah** (Torah, *Nevi'im,* and *Kesuvim*) **was given to the threefold people** (the Jews who are comprised of *Kohanim, Levi'im,* and *Yisraelim*).[15]

אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן אִינְגַאנְצְן צוּ אֱלֹקוּת, פּוּנְקְט וִוי אַ מֶרְכָּבָה וָואס כָּל עִנְיָנָהּ אִיז נָאר דוּרְכְצוּפִירְן דֶעם רְצוֹן הָרוֹכֵב,

דֶעמָאלְט זַיְינֶען כָּל הַיָּמִים בְּשָׁוֶה, וִוייבַּאלְד אַז כָּל עִנְיָנוֹ אִיז נָאר אֱלֹקוּת.

און דוּרְךְ דֶער עֲבוֹדָה פוּן מֶרְכָּבָה פוּן חֹדֶשׁ אִיָּיר, וֶוערְט דֶער חֹדֶשׁ אַ מְמוּצָע צְווִישְׁן חֹדֶשׁ נִיסָן - בְּהוֹצִיאֲךָ אֶת הָעָם מִמִּצְרַיִם (אִיז דָאס עַל מְנָת וּבְאוֹפֶן אַז) תַּעַבְדוּן אֶת הָאֱלֹקִים עַל הָהָר הַזֶּה[ח], "תַּעַבְדוּן" מִלְּשׁוֹן עֲבוֹדַת עֶבֶד, בְּדֶרֶךְ קַבָּלַת עֹל - צוּ חֹדֶשׁ הַשְּׁלִישִׁי, יַרְחָא תְּלִיתָאִי (סִיוָן), אִין וֶועלְכְן מֶען הָאט גֶעגֶעבְּן אוֹרְיָין תְּלִיתָאִי לְעַם תְּלִיתָאִי[ט].

(משיחת ש"פ אחרי, תשי"ט)

---

13. See *Toras Menachem, Hisvaadios, 5742,* Vol. 3, p. 1379.

**14. *Shmos* 3:12.**

**15. *Shabbos* 88a.**

---

א) בתחלת מסכת פסחים. סוף פרשת בא.

ב) עס זאָל זיין אין זיי די מעלה פון שבע שבתות תמימות, נוסף אויף דער מעלה פון תמימות אַליין (דלכן מברך אף אם יתבטל המנין אחר כך).

ג) שער יג פרק ג ועוד.

ד) תניא חלק ג פרק ד. חלק א פרק כו.

ה) רמ"א אבן העזר סימן סד, סעיף ג.

ו) בית שמואל (שולחן ערוך אבן העזר סימן קכו ס"ק כ). זע מאורי אור מערכת א ס"ק פד.

ז) פרק כג.

ח) שמות ג, יב.

ט) שבת פח, א.

# EMOR II | אמור ב

Adapted from the *maamarim* entitled *U'Sefartem,* 5711 (1951), and *BeShaah Shehikdimu,* 5713 (1953)

## Introduction

The journey from Pesach to Shavuos represents more than a historical commemoration – it maps the sequence of the transformation of our spiritual personalities. An enigmatic phrase – "from the day after the *Shabbos*"[1] – hints at a lofty spiritual catalyst that initiates the cycle of change.

The following presentation – originally a *maamar* – explores the three-staged spiritual progression marked by different grain offerings: *matzah* from wheat on Pesach, the *Omer* offering from barley from when the Counting of the *Omer* begins, and the Two Loaves brought on Shavuos from leavened bread.

Connecting these three stages with the verse,[2] "Draw me after you; let us run; the King has brought me into His chambers," the Rebbe explains how each phrase in the verse reflects a different phase in our relationship with G-d. At Pesach, we receive an inspiration of spiritual energy; G-d draws us to Him. During the Counting of the *Omer*, we become active participants – "let us run" – vigorously working to refine our characters. And on Shavuos, we experience the complete self-transcendence that comes from an intimate bond with G-d – "The King has brought me into His chambers."

This process mirrors the refinement of our animal nature. The prohibition of *chametz* on Pesach reflects the initial need to suppress and surpass our egos. The *Omer* offering of barley symbolizes our work to harness and redirect our animalistic qualities. And the requirement for *chametz* on Shavuos represents how even our very selves, beginning with our intellectual faculties, can ultimately become conduits for holiness.

Through this understanding, we gain not just insight into our spiritual heritage but a practical blueprint for personal transformation, not only in these months, but on an ongoing basis in many contexts – among them, our daily prayer experience.

---

1. *Vayikra* 23:15.

2. *Shir HaShirim* 1:4.

# Pesach to Shavuos – A Three-Staged Spiritual Progression

## Does *Shabbos* Mean *Shabbos?*

**1. The Torah introduces the *mitzvah* of *Sefiras HaOmer* (the Counting of the *Omer*) with the phrase,[1] "You shall count for yourselves from the day after the *Shabbos*..." The Talmud[2] relates that the Beitusim[3] erred** in their interpretation of the verse, **understanding "from the day after the *Shabbos*" as referring to the day after the *Shabbos* of Creation** (i.e., the *Shabbos* of the weekly cycle; thus, the count would begin the first **Sunday** after Pesach)**.** To safeguard the observance of *Sefiras HaOmer* **and** Shavuos by the Jewish people, **it was necessary for the Sages to debate them and demonstrate – with numerous proofs and evidence – that in this context the word *Shabbos* means "the festival"** (Pesach).

**At first glance, clarification is necessary: Why indeed does the verse state "from the day after the *Shabbos*," which could lead to a misinterpretation – that it refers to the *Shabbos* of Creation? The verse could have explicitly stated "from the day after Pesach."**

**א.** וועגן דער מִצְוָה פוּן סְפִירַת הָעוֹמֶר, זָאגְט עֶר אִין פָּסוּק, וּסְפַרְתֶּם לָכֶם מִמָּחֳרַת הַשַּׁבָּת גו׳. דֶערְצֵיילְט דִי גְמָרָא׳, אַז דִי בַּיְתוּסִים הָאבְּן אַ טָעוּת גֶעהַאט אוּן גֶעלֶערְנְט אַז מִמָּחֳרַת הַשַּׁבָּת מֵיינְט מִמָּחֳרַת שַׁבָּת בְּרֵאשִׁית (זוּנְטִיק), אוּן מֶען הָאט זִיךְ גֶעדַארְפְט מִיט זֵיי מִתְוַכֵּחַ זַיְין אוּן אוֹיפְוַויְיזְן מִיט כַּמָּה רַאְיוֹת וְהוֹכָחוֹת אַז דֶער וָוארְט שַׁבָּת דָא, מֵיינְט יוֹם־טוֹב.

אִיז דָאךְ אִין פְּלוּג נִיט פַארְשְׁטַאנְדִיק פַארְוָואס שְׁטֵייט טַאקֶע מִמָּחֳרַת הַשַּׁבָּת, מֶען זָאל קֶענֶען אַ טָעוּת הָאבְּן, אוּן מֵיינֶען אַז דָאס מֵיינְט שַׁבָּת בְּרֵאשִׁית, עֶס הָאט דָאךְ גֶעקֶענְט שְׁטֵיין בְּפֵירוּשׁ מִמָּחֳרַת הַפֶּסַח?

## One Journey, a Three-Month Sequence

2. At the vision of the Burning Bush, G-d first told Moshe about the future **Exodus from Egypt** and promised,[4] **"When you take the people out of Egypt,**

**ב.** אוֹיף יְצִיאַת מִצְרַיִם שְׁטֵייט, בְּהוֹצִיאֲךָ אֶת הָעָם מִמִּצְרַיִם

1. *Vayikra* 23:15.

**2. Menachos 65a ff.**

3. In his Commentary on the Mishnah (*Avos* 1:3), *Rambam* relates that Antigenos of Socho had two gifted students, Tzadok and Beitus. When they heard his teaching, "Do not be like servants who serve the master in order to receive a reward," they misunderstood his intent and wrongly concluded that the Jews will not receive any reward for their Divine service. Displeased and sullen, they left their teacher and started splinter groups. Aware that they would not be able to sway the Jews from Torah observance entirely, they renounced the observance of the Oral Law and camouflaged their intent by insisting on an entirely literal interpretation of the words of the Written Torah.

4. *Shmos* 3:12.

**you shall serve G-d on this mountain,"** thereby clarifying **that the purpose and** ultimate **goal of the Exodus from Egypt was the Giving of the Torah.** ***Sefiras HaOmer*** **serves as a bridge between the Exodus from Egypt and the Giving of the Torah. This implies that to accomplish the** complete **fulfillment and purpose of the Exodus from Egypt, the Counting of the *Omer* must first take place. It serves as a** necessary **intermediate step between the beginning of the Exodus from Egypt and the completion of the Exodus – the Giving of the Torah.**

**Therefore, the Exodus from Egypt is mentioned in connection with each of these three months: Nissan, the time of the Exodus from Egypt; Iyar, the time of *Sefiras HaOmer*** (when all days of the **month are connected with** the **counting);**[5] **and Sivan, the time of the Giving of the Torah.**

**Although the first** five **days of Sivan are still within the days of counting, nevertheless, as is well known,**[6] **by Rosh Chodesh Sivan, the counting of the first three days** of the seventh week (– associated with the attributes ***Chesed-Gevurah-Tiferes,*** **which encompass all the emotive attributes**[7] **–) has already been completed.** Thus, **the primary significance of Sivan is not the Counting of the *Omer* but the Giving of the Torah, as it is written** regarding Sivan,[8] **"In the third month... they came to the Sinai Desert," and as our Sages stated,**[9] **"The threefold Torah (i.e., Torah, *Nevi'im,* and *Kesuvim*)** [was **given] in the third month."**

**Regarding the month of Nissan, it is written,**[10] **"The month of spring, for in it you went out of Egypt…." Regarding the month of Iyar, it is written,**[11] "On the first day **of the second month, in the second year after they went out of the land of Egypt…."**

**תַּעַבְדוּן אֶת הָאֱלֹקִים עַל הָהָר הַזֶּה, דָאס הֵייסְט אַז דֶער אוֹיסְפִיר אוּן תַּכְלִית פוּן יְצִיאַת מִצְרַיִם אִיז מַתַּן תּוֹרָה. צְווִישְׁן יְצִיאַת מִצְרַיִם מִיט מַתַּן תּוֹרָה אִיז סְפִירַת הָעוֹמֶר, דָאס הֵייסְט בִּכְדֵי דוּרְכְצוּפִירְן דֶעם גְמַר וְתַכְלִית פוּן יְצִיאַת מִצְרַיִם, דַארְף זַיְין פְרִיעֶר סְפִירַת הָעוֹמֶר, ווָאס דָאס אִיז דֶער מְמוּצָע צְווִישְׁן הַתְחָלַת יְצִיאַת מִצְרַיִם מִיט גְמַר הַיְצִיאָה - מַתַּן תּוֹרָה.**

**דֶערְפַאר גֶעפִינֶען מִיר אַז בַּיי דִי דְרַיי חֳדָשִׁים: נִיסָן - דֶער זְמַן פוּן יְצִיאַת מִצְרַיִם, אִיָּיר - דֶער זְמַן פוּן סְפִירַת הָעוֹמֶר (ווָאס אַלֶע טֶעג פוּן חוֹדֶשׁ זַיְינֶען פַארְבּוּנְדְן מִיט סְפִירָה כַּנַ"ל) אוּן סִיוָן - דֶער זְמַן פוּן מַתַּן תּוֹרָה,**

**(כָאטשׁ דִי עֶרְשְׁטֶע טֶעג פוּן סִיוָן זַיְינֶען נָאךְ אִין יְמֵי הַסְפִירָה, אִיז דָאךְ אָבֶער בַּאוואוּסְט[יא] אַז בְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ סִיוָן אִיז שׁוֹין נָאךְ דֶער סְפִירָה פוּן דִי ג' יָמִים רִאשׁוֹנִים, - חֶסֶד־גְבוּרָה־תִּפְאֶרֶת שֶׁהֵם כְּלָלוּת הַמִדּוֹת - שֶׁבַּשָּׁבוּעַ הַשְּׁבִיעִי, אוּן דֶער עִיקַר עִנְיָן פוּן סִיוָן אִיז נִיט סְפִירַת הָעוֹמֶר נָאר מַתַּן תּוֹרָה ווִי עֶס שְׁטֵייט[יב], בַּחֹדֶשׁ הַשְּׁלִישִׁי גו' בָּאוּ מִדְבַּר סִינָי וּכְמַאֲמַר רַזַ"ל הַנַּ"ל, אוֹרְיָן תְּלִיתָאִי בְּיַרְחָא תְּלִיתָאִי), אִיז בַּיי דִי אַלֶע דְרַיי חֳדָשִׁים ווֶערְט דֶערְמָאנְט יְצִיאַת מִצְרַיִם.**

**אוֹיף חוֹדֶשׁ נִיסָן שְׁטֵייט[יג], חֹדֶשׁ הָאָבִיב כִּי בוֹ יָצָאתָ מִמִּצְרָיִם. אוֹיף חוֹדֶשׁ אִיָּיר[יד] - לַחֹדֶשׁ הַשֵּׁנִי בַּשָּׁנָה הַשֵּׁנִית לְצֵאתָם מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם.**

---

5. See the previous *sichah* entitled "Counting Every Day," which highlights the connection between every day of the month of Iyar with the Counting of the *Omer.*

**6.** See ***Torah Or,*** **p. 67c.**

7. Since these three emotive attributes include the other four, by Rosh Chodesh Sivan – when *Tiferes ShebeMalchus* has been counted, it is as if the counting has already been completed (*Torah Or*, p. 67b).

**8. *Shmos* 19:1.**

9. *Shabbos* 88a.

**10. *Shmos* 23:15.**

**11. *Bamidbar* 1:1.**

(Although according to the plain meaning, "after they went out of the land of Egypt" refers to "in the second year," it is known that the *Zohar*[12] understands "**the second month**" and "**the second year**" as comprising **one concept. Therefore, "after they went out of the land of Egypt" also refers to "the second month."**) As previously noted, **regarding the month of Sivan, it is written,**[8] **"In the third month after the Children of Israel went out of the land of Egypt."** Thus, the Torah specifically associates these three months with the Exodus from Egypt.

**All the months are counted from Nissan, the time of the Exodus from Egypt, the "head of months,"**[13] thereby implying that all the months of the year are related to the Exodus. Nevertheless**, the theme of the Exodus from Egypt is explicitly mentioned only in connection with these three months.**

**The reason is that these three experiences – the Exodus from Egypt, the Counting of the *Omer*, and the Giving of the Torah – all** represent **aspects and stages of the Exodus from Egypt.** Indeed, **the completion of the Exodus from Egypt** – which began in the first month – **occurred** only **at the time of the Giving of the Torah,** the third month.

(כָאטשׁ אִין פַּשְׁטוּת גֵייט דֶער לְצֵאתָם מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם אוֹיף בַּשָּׁנָה הַשֵּׁנִית, אִיז דָאךְ אָבֶּער יָדוּעַ וָואס שְׁטֵייט אִין זֹהַר[טו] אַז חֹדֶשׁ הַשֵּׁנִי אוּן שָׁנָה הַשֵּׁנִית אִיז כּוּלָּא חַד, בְּמֵילָא גֵייט דָאךְ דֶער לְצֵאתָם מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם אוֹיךְ אוֹיף בַּחֹדֶשׁ הַשֵּׁנִי). אוֹיף חוֹדֶשׁ סִיוָן שְׁטֵייט[טז], בַּחֹדֶשׁ הַשְּׁלִישִׁי לְצֵאת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם.

הֲגַם אַלֶע חֳדָשִׁים צֵיילְן זִיךְ צוּ חוֹדֶשׁ נִיסָן וָואס אִיז דֶער רֹאשׁ חֳדָשִׁים, דֶער זְמַן פוּן יְצִיאַת מִצְרַיִם, אָבֶּער בְּפֵירוּשׁ וֶוערְט דֶער עִנְיָן פוּן יְצִיאַת מִצְרַיִם דֶערְמָאנְט נָאר בַּיי דִי דְרַיי חֳדָשִׁים.

אִיז דֶער טַעַם אוֹיף דֶעם, וַוייְל דִי דְרַיי עִנְיָנִים: יְצִיאַת מִצְרַיִם, סְפִירַת הָעוֹמֶר אוּן מַתַּן תּוֹרָה זַיְינֶען אַלְץ אוֹפַנִּים אוּן מַדְרֵיגוֹת אִין יְצִיאַת מִצְרַיִם, וָוארוּם דֶער גְמַר יְצִיאַת מִצְרַיִם אִיז בְּשַׁעַת מַתַּן תּוֹרָה.

## Three Grain Products, Three Stages

3. Each of **these three – Pesach, *Sefiras HaOmer*, and Shavuos –** is associated with a grain or grain product. **Pesach is associated with eating *matzah*. *Sefiras HaOmer* is connected with barley, as our Sages state,**[14] **"All meal-offerings are brought from wheat, but this one (the meal-offering of a woman suspected of adultery) ... and the *Omer* offering...** [are] **from barley." And Shavuos is associated with the Two Loaves** (made from wheat flour), which "**shall be baked as leaven.**"[15]

The correlation between these three phases and

ג. אִין דִי דְרַיי זְמַנִּים, אִיז פֶּסַח פַארְבּוּנְדְן מִיט אֲכִילַת מַצָּה. סְפִירַת הָעוֹמֶר אִיז פַארְבּוּנְדְן מִיט שְׂעוֹרִים, כְּמַאֲמַר רַזַ"ל[יז] כָּל הַמְּנָחוֹת בָּאוֹת מִן הַחִטִּין וְזוֹ (מִנְחַת קְנָאוֹת) כו' וּמִנְחַת הָעוֹמֶר כו' מִן הַשְּׂעוֹרִין. אוּן שָׁבוּעוֹת - מִיט שְׁתֵּי הַלֶּחֶם, חָמֵץ תֵּאָפֶינָה[יח].

אִיז נִיט פַארְשְׁטַאנְדִיק:

12. *Zohar,* Vol. III, p. 117b.

13. Ibid. 12:2.

14. *Sotah* 14a.

15. *Vayikra* 23:17. *Menachos* 52b.

grain raises questions: **a) Why is the *Omer* brought from barley, unlike all other meal-offerings** that are brought from wheat? **The Mishnah[14] gives a reason why the meal-offering of a woman suspected of adultery** is from barley: **"Just as her deed was that of an animal, so too, her offering is animal fodder,"** but what is the reason for the *Omer* offering?

**b) *Chametz* (leavened bread) is forbidden on Pesach because it represents self-importance and the evil inclination.[16] Why then is it permitted throughout the year?** And why, particularly, **on Shavuos, not only is it permitted, but the *mitzvah* specifically requires *chametz?***

The resolution of these questions requires clarification:

א) פַארְוואָס קוּמְט דֶער עוֹמֶר פוּן שְׂעוֹרִים, אַנְדֶערְשׁ פוּן אַלֶע מְנָחוֹת. אוֹיף מִנְחַת קְנָאוֹת זָאגְט דִי מִשְׁנָה[יט] אַ טַעַם, כְּשֵׁם שֶׁמַּעֲשֶׂיהָ מַעֲשֵׂה בְהֵמָה כַּךְ קָרְבָּנָהּ מַאֲכַל בְּהֵמָה, ווָאס אִיז אָבֶּער דֶער טַעַם אוֹיף מִנְחַת הָעוֹמֶר? ב) ווִיבַּאלְד אַז בְּפֶסַח אִיז אָסוּר חָמֵץ, ווַיְיל חָמֵץ ווַיְיזְט אוֹיף יֵשׁוּת אוּן אוֹיפְן יֵצֶר הָרָע[כ], אִיז פַארְוואָס עֶפֶּעס אַ גַאנְץ יָאר אִיז דָאס מוּתָּר בִּיז אַז שָׁבוּעוֹת אִיז דָאס נִיט נָאר מוּתָּר נָאר דִי מִצְוָה אִיז דַוְקָא פוּן חָמֵץ?

## Developing a Love Relationship with G-d

**4. The three phases** of the sequence connecting Pesach to Shavuos **are alluded to in** the interpretation[17] of a **verse** from *Shir HaShirim*,[18] **"Draw me after you; let us run; the King has brought me into His chambers." "Draw me" refers to the time of the Exodus from Egypt; "let us run" – to the time of Counting the *Omer;* and "The King has brought me into His chambers" – to the Giving of the Torah.**

**To clarify: There are several differences between "Draw me" (*mashcheini*) and "we will run" (*narutza*): a) "Draw me"** can **mean** "Take me with you," or **"Pull me after you," while "let us run"** implies kinetic activity, not mere measured progress. **b) "Draw me"** can also **mean "You draw me," thereby implying that the Jewish people are saying to G-d, "Draw me** towards You **from Above,"** as it were. But **"let us run"** implies **that** we will – on our own initiative – run toward G-d, a movement **from below upward. c) "Draw me" is singular, while "let us run" is plural.**

ד. דִי דְרַיי עִנְיָנִים זַיְינֶען מְרוּמָּז אוֹיךְ אִין פָּסוּק מָשְׁכֵנִי אַחֲרֶיךָ נָרוּצָה הֱבִיאַנִי הַמֶּלֶךְ חֲדָרָיו. מָשְׁכֵנִי גֵייט אוֹיפְן זְמַן פוּן יְצִיאַת מִצְרַיִם, אַחֲרֶיךָ נָרוּצָה - אוֹיפְן זְמַן פוּן סְפִירַת הָעוֹמֶר, אוּן הֱבִיאַנִי הַמֶּלֶךְ חֲדָרָיו - אוֹיף מַתַּן תּוֹרָה.

דִי דֶערְקְלֶערוּנְג אִין דֶעם אִיז:

דֶער חִילוּק פוּן "מָשְׁכֵנִי" מִיט "נָרוּצָה" אִיז אִין עֶטְלֶעכֶע עִנְיָנִים: א) מָשְׁכֵנִי אִיז דֶער טַיְיטשׁ צִיעֶן: לְשׁוֹן מְשִׁיכָה, נָרוּצָה - לוֹיפְן. ב) מָשְׁכֵנִי אִיז דֶער טַיְיטשׁ דוּ צִי מִיךְ. כְּנֶסֶת יִשְׂרָאֵל זָאגְט צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, זֵיי מִיר מוֹשֵׁךְ - מִלְמַעְלָה. אַחֲרֶיךָ נָרוּצָה, מִיר ווֶעלְן אַלֵיין לוֹיפְן - מִלְּמַטָּה לְמַעְלָה. ג) מָשְׁכֵנִי אִיז לְשׁוֹן יָחִיד אוּן נָרוּצָה - לְשׁוֹן רַבִּים.

---

16. See *Likkutei Sichos,* Vol. 1, p. 129ff.

17. *Or HaTorah, Shir HaShirim,* Vol. 1, p. 59; *Sefer HaMaamarim 5655,* p. 172ff., *et al.*

18. *Shir HaShirim* 1:4.

## Feeling the Need for a Change

**5. At the time of the Exodus from Egypt, the Jews were immersed in the 49 gates of impurity.** As reflected in the Prophet's[19] analogy, **"You were naked and bare," they were not** fit **recipients for G-dliness.** The redemption was possible only **because "the King of kings, the Holy One, blessed be He, revealed Himself to them in His glory, by Himself"[20] and drew them out of Egypt.**

**This did not come about because of their Divine service but as a result of a revelation of Divine light from Above. Consequently, the revelation did not transform** the Jews **internally, for they were not** suitable **receptacles for it. It is only that the revelation of light** inspired **them to draw close to G-dliness.**

**It is also understandable that this revelation of light affected only their G-dly souls,** for **they are** naturally **receptive to G-dliness, but not so their animal souls. In other words, at the time of the Exodus from Egypt,** the Jews **were not yet free from the evil within them; their animal souls still retained their full strength.**

**Based on this** concept, **the Alter Rebbe[21] clarifies the verse,[22] "For the people fled…."** **At first glance,** their flight **is difficult to understand: Pharaoh** was crushed by the plagues. **If** the Jews **had told** him **to let them go free permanently, he would have had to do so. Why, then, did they need to flee? The Alter Rebbe explains that** the reason was because of their own inner selves. **Since the evil within them was still at its full strength at the time of the Exodus from Egypt, they had to flee.**

ה. בְּשַׁעַת יְצִיאַת מִצְרַיִם, זַיְינֶען דִי אִידְן גֶעוֶוען מְשׁוּקָע בְּמ״ט שַׁעֲרֵי טוּמְאָה, זֵיי זַיְינֶען קֵיין כֵּלִים נִיט גֶעוֶוען צוּ אֱלֹקוּת, וְאַתְּ עֵרוֹם וְעֶרְיָה. מֶער נִיט וָואס נִגְלָה עֲלֵיהֶם מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בִּכְבוֹדוֹ וּבְעַצְמוֹ און הָאט זֵיי אַרוֹיסְגֶעשְׁלֶעפְּט פוּן מִצְרַיִם.

וויבַּאלְד אַז דָאס אִיז גֶעקוּמֶען נִיט מִצַּד זֵייעֶר עֲבוֹדָה נָאר מִצַּד אַ גִילּוּי אוֹר מִלְמַעְלָה, בְּמֵילָא הָאט זֵיי דֶער גִילּוּי נִיט אִיבֶּערְגֶעמַאכְט אִין אַ פְּנִימִיּוּת, וָוארוּם זֵיי זַיְינֶען דָאךְ צוּ דֶעם קֵיין כֵּלִים נִיט גֶעוֶוען, מֶער נִיט וָואס מִצַּד דֶעם גִילּוּי אוֹר הָאבְּן זֵיי זִיךְ גֶעצוֹיגְן צוּ גֶ-טְלֶעכְקַיְיט.

אוֹיךְ אִיז פַאְרשְׁטֶענְדְלֶעךְ, אַז דֶער גִילּוּי אוֹר הָאט אָנְגֶערִירְט נָאר דֶעם נֶפֶשׁ הָאֱלֹקִית, וָואס זִי אִיז אַ כְּלִי צוּ הֶערְן גֶ-טְלֶעכְקַיְיט, אָבֶּער נִיט דֶעם נֶפֶשׁ הַבַּהֲמִית. דָאס הֵייסְט אַז בְּשַׁעַת יְצִיאַת מִצְרַיִם זַיְינֶען זֵיי נָאךְ נִיט פָּטוּר גֶעוָוארְן פוּן דֶעם רַע שֶׁבְּקִרְבָּם, וָוארוּם נֶפֶשׁ הַבַּהֲמִית אִיז נָאךְ גֶעבְּלִיבְּן בְּתָקְפָּהּ.

דֶערְמִיט פַארְעֶנְטְפֶערְט דָאךְ דֶער אַלְטֶער רֶבִּי[כא], וָואס עֶס שְׁטֵייט, כִּי בָרַח הָעָם. וָוארוּם אִין פְּלוּג אִיז נִיט פַארְשְׁטַאנְדִיק, אוֹיבּ מֶען וָואלְט זָאגְן פַּרְעֹה'ן עֶר זָאל זֵיי אַרוֹיסְלָאזְן פְּרַיי אוֹיף שְׁטֶענְדִיק וָואלְט עֶר דָאךְ דָאס מוּזְן טָאן, הַיְינְט פַארְוָואס הָאבְּן זֵיי גֶעדַארְפְט אַנְטְלוֹיפְן? דֶערְקְלֶערְט דֶער אַלְטֶער רֶבִּי, ווַיְילֶע בְּשַׁעַת יְצִיאַת מִצְרַיִם אִיז נָאךְ דֶער רַע בַּיי דִי אִידְן גֶעוֶוען בְּתָקְפּוֹ, הָאט מֶען דֶערְפַאר גֶעדַארְפְט אַנְטְלוֹיפְן.

19. Yechezkel 16:7.

20. The Pesach *Hagadah*. *Be'atzmo*, translated as "by Himself," shares its root letters with the word *Atzmus*, which refers to G-d's Essence. According to *Chassidus*, because Egypt was such an impure place, it was only G-d's Essence – and not a level of G-dly light – that could redeem the Jews from there.

**21. *Tanya*, ch. 31.**

22. *Shmos* 14:5.

## The First Stage: Divine Inspiration

**6. Based on** the above explanations, **all the** implications **of the term *mashcheini*** (**"draw me"**) **mentioned previously** (sec. 4) **can be understood:**

a) **The term *mashcheini,* "draw me,"** resembles the term *meshichah,* which has a specific meaning in Jewish business law: "acquiring an object by drawing it into one's domain." **Acquiring** an object **through *meshichah* differs from acquiring it through *chazakah*** (**"manifesting ownership"**)**. In *meshichah*, one does not change the object itself;**[23] **the object remains as it was before. It merely passes from the domain of the seller to the domain of the buyer. Similarly, at the time of the Exodus from Egypt, no change in** the Jews' **inner being had yet occurred. They merely passed from Egypt, "the nakedness of the land,"**[24] **into the domain of holiness.**

b) *Mashcheini* came **"from Above,"** on G-d's initiative; at that point, the Jews **had yet to** perform **any** significant **Divine service.**

c) The term uses a **singular form because the revelation of Divine light affected only the G-dly soul and not the animal soul.**

ו. לויט דעם איז פאַרשטאַנדיק דער לשון מַשְׁכֵנִי, אין אַלע דערמאָנטע דיוקים:

א) לשון מְשִׁיכָה. קנין משיכה איז ניט גלייך צו קנין חזקה. אין משיכה טוט ער גאר ניט אין דער עצם זאך, די זאך בלייבט ווי פריער, עס גייט נאָר איבער מרשות המוכר לרשות הקונה. אַזוי אויך בשעת יציאת מצרים, איז קיין שינוי אין זייער פנימיות נאָך ניט געוואָרן, מער ניט וואָס זיי זיינען אַריבער פון מצרים ערות הארץ אין רשות הקדושה.

ב) מלמעלה - ווײַלע עס איז נאָך ניט געווען קיין עבודה.

ג) לשון יחיד - ווײַלע דער גילוי אור האָט דערנומען נאָר דעם נפש האלקית און ניט דעם נפש הבהמית.

## Harnessing Animal Energy

**7. However,** G-d desires more from man than responding to the inspiration of his G-dly soul; **the** ultimate **intent is that the G-dly soul should refine the animal soul as well. Were** G-d's **intent** to have been **merely for the sake of the G-dly soul itself, the soul could have remained Above.** Indeed, **"the soul itself needs no improvement at all" – the purpose of its descent below is to refine the animal soul,"**[25] to help the animal soul reach the state of loving G-d **"with all your heart,"**[26] which **our Sages**[27] **interpret as "with both your**

ז. די כוונה איז דאָך אָבער אַז דער נפש האלקית זאָל מברר זיין אויך דעם נפש הבהמית. וואָרום אויב צוליב דעם נפש האלקית אליין, האָט די נשמה געקענט בלייבן למעלה, וואָרום הנשמה עצמה אינה צריכה תיקון כלל, ותכלית ירידתה למטה איז בכדי צו מברר זיין דעם נפש הבהמית[22], ווי עס שטייט, בכל לבבך זאָגן די רז"ל,

23. By contrast, *chazakah* – another *halachic* means of acquisition – specifically involves making a significant change in the article itself (see *Rambam*, *Hilchos Mechirah* 1:8, 10-13).

24. Cf. *Bereishis* 42:9.

**25. *Tanya,* ch. 37.**

**26. *Devarim* 6:5.**

**27. *Berachos* 54a.**

**inclinations."** Moreover, **through the G-dly soul's refinement of the animal soul, the G-dly soul itself is also elevated** and attains greater strength. **This results from the positive quality** possessed by **the animal soul, as** reflected in the verse,[28] **"Much produce comes by the strength of the ox."**

**The difference between a human being and an animal is that a human** is fundamentally an **intelligent, thinking being. As such, he does not experience desires and emotions with** as great an **intensity because they are tempered by the control of his intellect. By contrast, an animal's desires function with powerful force.**

**Similarly, within a person himself, the desires of the G-dly soul do not have the same vigorous intensity as the desires of the animal soul.** However, **when the G-dly soul influences the animal soul so that its desires – which are characterized by power and force – are directed toward G-dliness, this** activity invigorates **the G-dly soul, generating an intense desire for G-dliness** that surpasses its inherent strength.

**Based on this, we can also understand why the *Omer* offering comes from barley, animal fodder, because,** during the Counting **of the *Omer*,** our Divine service focuses on **the refinement of the animal soul.**

בְּשְׁנֵי יְצָרֶיךָ[כג]. און דורךְ דעם וואס דער נֶפֶשׁ הָאֱלֹקִית איז מְבָרֵר דעם נֶפֶשׁ הַבַּהֲמִית, קומט צו אַן עֲלִיָּה אויךְ אין נֶפֶשׁ הָאֱלֹקִית. מִצַּד דער מַעֲלָה פון נֶפֶשׁ הַבַּהֲמִית, אַזוי ווי עס שְׁטֵייט, וְרָב תְּבוּאוֹת בְּכֹחַ שׁוֹר[כד].

דער חילוק פון אַ מֶענְטשְׁן מיט אַ בְּהֵמָה איז: אַ מֶענְטשׁ, ווײַבאַלד ער איז אַ בַּעַל שֵׂכֶל, איז זײַן רָצוֹן וּמִדּוֹת ניט מיט אַזאַ תּוֹקֶף, ווײַל זיי ווערן אָפְּגֶעשְׁוואַכְט דורךְ דעם וואס זיי ווערן קאָנְטְראָלִירְט פון שֵׂכֶל. דאַקעגן אַ בְּהֵמָה, זײַנען אַלע אירע רְצוֹנוֹת מיט אַ גְרויסְן תּוֹקֶף. אַזוי אויךְ אין אַ מֶענְטשְׁן גוּפָא, איז דער רָצוֹן פון נֶפֶשׁ הָאֱלֹקִית האָט ניט אַזאַ שְׁטאַרְקְן תּוֹקֶף ווי דער רָצוֹן פון נֶפֶשׁ הַבַּהֲמִית. און בְּשַׁעַת דער נֶפֶשׁ הָאֱלֹקִית פּוֹעֶל'ט אין דעם נֶפֶשׁ הַבַּהֲמִית אַז זײַן רָצוֹן - וואס איז מיט אַ תּוֹקֶף - זאָל זײַן אין אֱלֹקוּת, דורךְ דעם ווערט אויךְ אין נֶפֶשׁ הָאֱלֹקִית אַ רָצוֹן תַּקִּיף צו אֱלֹקוּת.

לויט דעם וועט מען אויךְ פאַרשְׁטֵיין דעם טַעַם וואס מִנְחַת הָעוֹמֶר קומט פון שְׂעוֹרִים, מַאֲכַל בְּהֵמָה, ווײַלע דער עִנְיָן פון עוֹמֶר איז דער בֵּירוּר פון נֶפֶשׁ הַבַּהֲמִית.

## Turning the Focus Inward

**8.** Since a person's emotions are subordinate to his mind, it is possible for him **to refine his** inherent **emotional attributes through contemplation. When he contemplates G-dliness, he** naturally feels **aroused with love and fear of G-d.**

**During the initial stage of** the person's **Divine service, when he is still immersed in the** realm **of impurity – that is, when he might still be inclined to commit a forbidden act (G-d forbid) – it**

ח. דער אוֹפֶן פון בֵּירוּר הַמִּדּוֹת קומט דורךְ הִתְבּוֹנְנוּת. בְּשַׁעַת ער איז זיךְ מִתְבּוֹנֵן אין אֱלֹקוּת, ווערט ער נִתְעוֹרֵר בְּאַהֲבָה וּבְיִרְאָה.

בִּתְחִלַּת הָעֲבוֹדָה, ווען ער איז נאָךְ מְשׁוּקָע אין שַׁעֲרֵי טוּמְאָה, דאָס הייסט בְּשַׁעַת עס איז נאָךְ רעכְט צו טאָן אַ דְּבַר אִיסוּר רַחֲמָנָא לִצְלַן, איז ניט קיין

28. *Mishlei* 14:4

**is not the time for contemplation. At that point, his immediate response must be** akin to **"the people fled" – compelling himself against his nature, fleeing from evil. However, after he has already left Egypt, "the nakedness of the land," and is no longer drawn to forbidden desires, and needs only to control himself regarding permitted desires,** a different approach is called for. **Then is the time for contemplation and transformation – changing his emotional attributes internally.**

צַײַט אױף הִתְבּוֹנְנוּת, דֶעמָאלְט מוּז זַײַן גְלַײַך דֶער "בָּרַח הָעָם", כּוֹפֶה זַײַן זִיךְ אוּן אַנְטְלוֹיפְן פוּן רַע. אָבֶער נָאךְ דֶעם װִי עֶר אִיז שׁוֹין אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם עֶרְוַת הָאָרֶץ, צוּ תַּאֲוַת אִיסוּר אִיז עֶר שׁוֹין נִיט שַׁײַךְ אוּן עֶר דַארְף זִיךְ כּוֹפֶה זַײַן נָאר אִין תַּאֲוַת הֶתֵּר, דֶעמָאלְט אִיז אַ צַײַט אוֹיף הִתְבּוֹנְנוּת אוּן אִתְהַפְּכָא, אִיבֶּערְמַאכְן דִי מִדּוֹת אִין אַ פְּנִימִיּוּת.

## A Reciprocal Relationship

**9. These explanations enable us to understand the term** ***narutza*** **("let us run")** as **cited above,** clarifying the points mentioned (in sec. 4):

**a) Running, not walking. The desires of the animal soul are intense and fervent, as mentioned. When, through spiritual service, one succeeds in directing the animal soul's** desires **toward G-dliness, then its desire for G-dliness** becomes **stronger than the desire of the G-dly soul itself,** leading to a far more energetic expression.

**b)** The motif is service **"from below to above," Divine service that comes through** one's own **spiritual effort.**

**c) "Let us run" employs a plural form, implying that the Divine service is performed not only by the G-dly soul but also by the animal soul.**

Also, **both of them** display intense energy, as indicated by **the term** ***narutza*****, which implies kinetic** activity. In other words, working with the animal soul brings about a change within **the G-dly soul,** intensifying its vibrancy. **As discussed earlier, by nature, the G-dly soul** operates within **measured boundaries. However, when it succeeds in arousing a passionate desire for G-dliness in the animal soul, it too is motivated to passionate intensity. This represents the elevation brought about within the G-dly soul.**

ט. לוֹיט דֶעם װֶעט מֶען פַארְשְׁטֵײן דֶעם לָשׁוֹן נָרוּצָה - אִין דִי דֶערְמָאנְטֶע דִיוּקִים:

א) לוֹיפְן, נִיט גֵײן. דִי רְצוֹנוֹת פוּן נֶפֶשׁ הַבַּהֲמִית זַײנֶען דָאךְ בְּתוֹקֶף וּמְרוּצָה כַּנַ"ל, אִיז װֶען מֶען פּוֹעֵל'ט דוּרְךְ עֲבוֹדָה אַז אוֹיךְ דֶער נֶפֶשׁ הַבַּהֲמִית זָאל װֶעלְן אֱלֹקוּת, דַאן אִיז זַײַן רָצוֹן צוּ אֱלֹקוּת שְׁטַארְקֶער פוּן דֶעם רָצוֹן פוּן נֶפֶשׁ הָאֱלֹקִית.

ב) מִלְּמַטָּה לְמַעְלָה - װַײַלֶע עֶס אִיז גֶעקוּמֶען דוּרְךְ עֲבוֹדָה.

ג) נָרוּצָה לְשׁוֹן רַבִּים - דִי עֲבוֹדָה אִיז נִיט נָאר מִצַּד דֶעם נֶפֶשׁ הָאֱלֹקִית נָאר אוֹיךְ מִצַּד דֶעם נֶפֶשׁ הַבַּהֲמִית.

אוּן אוֹיף בֵּיידְן זָאגְט עֶר נָרוּצָה לְשׁוֹן מְרוּצָה - אַז אוֹיךְ אִין נֶפֶשׁ הָאֱלֹקִית װֶערְט אַ מְרוּצָה, װִי גֶערֶעדט פְרִיעֶר אַז כָּאטשׁ דֶער נֶפֶשׁ הָאֱלֹקִית מִצַּד עַצְמָהּ אִיז בִּמְדִידָה וְהַגְבָּלָה, דוּרְךְ דֶעם אָבֶער װָאס עֶר פּוֹעֵל'ט אַ מְרוּצָה צוּ אֱלֹקוּת אִין נֶפֶשׁ הַבַּהֲמִית, װֶערְט אוֹיךְ אִין אִים אַ מְרוּצָה, װָאס דָאס אִיז דִי עֲלִיָּה װָאס װֶערְט אִין נֶפֶשׁ הָאֱלֹקִית.

## Redefining One's Self

**10. The Divine service of *Sefiras HaOmer* leads to the revelation of the Giving of the Torah. At the Giving of the Torah,** the Jews reached a state of **complete and total self-nullification.**

י. נָאךְ דֶער עֲבוֹדָה פוּן סְפִירַת הָעוֹמֶר קוּמְט מֶען צוּ צוּם גִילוּי פוּן מַתַּן תּוֹרָה, וָואס בְּעַת מַתַּן תּוֹרָה אִיז גֶעוֶוען בִּיטוּל בִּמְצִיאוּת. דֶער עִנְיָן פוּן בִּירוּר הַמִדּוֹת אִיז נִיט קֵיין בִּיטוּל בִּמְצִיאוּת, עֶס קוּמְט דָאךְ דוּרְךְ שֵׂכֶל אוּן הִתְבּוֹנְנוּת, שְׁטֵייט עֶר דָאךְ אִין זַיְין מְצִיאוּת, אָבֶער בְּשַׁעַת מַתַּן תּוֹרָה אִיז עַל כָּל דִּיבּוּר וְדִיבּוּר פָּרְחָה נִשְׁמָתָם[כה].

**The process of refining one's emotional attributes** described previously **does not involve complete self-nullification. Since it comes about through using the mind and through contemplation,** the person remains aware of his individual **existence. By contrast, at the Giving of the Torah,** the Jews lost consciousness of their own selves entirely; as it is written, "**At each and every utterance… their souls departed.**"[29]

**Based on this, we can understand why leaven is permitted throughout the year and, furthermore, on Shavuos, it becomes a *mitzvah,* even though it is forbidden on Pesach.**

לוֹיט דֶעם וֶועט מֶען פַארְשְׁטֵיין דֶעם טַעַם וָואס חָמֵץ אִיז מוּתָּר אַ גַאנְץ יָאר, בִּיז אַז בְּשָׁבוּעוֹת מַאכְט מֶען דֶערפוּן אַ מִצְוָה, כָּאטשׁ בְּפֶסַח אִיז עֶס אָסוּר.

**At the beginning of** a person's **Divine service, when the evil** within him **is still in its full strength, he must set aside his intellect.**[30] Otherwise, evil can hijack it, as indicated by the verse,[31] "**They are wise to do evil.**" **During the period of *Sefiras HaOmer*, when** the person **is in the midst of his Divine service, he can allow the** use of his **intellect; it will not necessarily lead to being "wise to do evil."**[32] Completing **the preparatory** work **toward** the Giving of the Torah through ***Sefiras HaOmer* refines the evil** within his personality **entirely, to the extent that he is utterly nullified; his entire existence** becomes **G-dliness. At that point, the *mitzvah*** of the day, the sacrifice of two loaves, **specifically involves leavened bread, because one's intellect and reasoning faculties need to be transformed into conduits for G-dliness.**

בַּיְים אָנְהוֹיבּ פוּן דֶער עֲבוֹדָה, וֶוען דֶער רַע אִיז נָאךְ בְּתָקְפּוֹ, מוּז מֶען אַוֶועקְלֵייגְן דֶעם שֵׂכֶל - חֲכָמִים הֵמָּה לְהָרַע[כו]. בְּשַׁעַת סְפִירַת הָעוֹמֶר, וֶוען עֶר הַאלְט אִין מִיטְן דֶער עֲבוֹדָה, קֶען עֶר פַארְטְרָאגְן שֵׂכֶל, עֶס מוּז נִיט זַיְין חֲכָמִים הֵמָּה לְהָרַע[כז]. דוּרְךְ הַקְדָּמַת סְפִירַת הָעוֹמֶר וֶוערְט בִּירוּר כָּל הָרַע, בִּיז אַז עֶר אִיז בְּבִיטוּל בִּמְצִיאוּת, אַז זַיְין גַאנְצֶער מְצִיאוּת אִיז אֶלֹקוּת, - דַאן אִיז דִי מִצְוָה בְּחָמֵץ דַוְקָא, וָוארוּם זַיְין שֵׂכֶל אוּן טַעַם וָדַעַת דַארְפְן זַיְין אַ כְּלִי צוּ אֶלֹקוּת.

## Reliving the Three-Staged Journey Every Day

**11. Our Sages state,**[33] **"In every generation – and on**

יא. רַזַ"ל זָאגְן[כח]: בְּכָל דּוֹר וָדוֹר

---

**29. Shabbos 88b.**

30. Both *chametz* and intellect are associated with feelings of self and it is only when a person has a sense of self that he can be attracted to evil.

**31. *Yirmeyahu* 4:22.**

**32. See *Zohar,* Vol. II, p. 183b.**

**33. *Pesachim* 116b.** See ***Tanya,* ch. 47.**

**every day – a person is obligated to see himself as if he personally left Egypt today." Every day, one must relive the Exodus from Egypt. Consequently, all three aspects of the Exodus from Egypt mentioned earlier are also experienced in a person's daily Divine service.**

**His daily service begins with *"Modeh Ani..."* and *"Hodu LeHashem"* ("I give thanks..." and "Give thanks to G-d"), which are expressions of acknowledgment and gratitude.**[34] At this point, **he has neither understanding nor feeling; there is only a general acknowledgment and submission to G-dliness. This resembles the Divine service at the beginning of the Exodus from Egypt – the month of Nissan.**

**Afterwards, comes the Divine service of the Verses of Praise (*Pesukei D'Zimrah*), the blessings of the *Shema*, and the *Shema*** itself. This stage of prayer **highlights the service of contemplation.** This is evident **even in the first verse of the *Shema,* for the word *shema*** does not **connote** merely hearing, but also **understanding and comprehension.**[35] This leads to the **transformation** of the person's **emotional attributes until he reaches the highest levels of love of G-d, "with all your heart, with all your soul," and even "with all your might."**[26] **This resembles the Divine service of the entire month of Iyar – *Sefiras HaOmer,*** which focuses on the transformation of his emotional makeup.

**However,** at this stage, the person **still maintains awareness of his own existence. Afterwards, he reaches the *Shemoneh Esreh* prayer.** At this point, he should stand **"like a servant before his master,"**[36] his individual identity becoming subsumed in the Divine, **in complete self-nullification so that he cannot** even **initiate speech** on his own. Therefore, he requests, **"G-d, open my lips"**[37] – it is as if he is merely **repeating after the reader.**[38] **This resembles** the utter self-nullification

וּבְכָל יוֹם וָיוֹם חַיָּב אָדָם לִרְאוֹת אֶת עַצְמוֹ כְּאִלּוּ הוּא יָצָא הַיּוֹם מִמִּצְרָיִם, יֶעדֶער טָאג דַארְף מֶען דוּרְכְלֶעבְּן יְצִיאַת מִצְרַיִם, בְּמֵילָא זַיְינֶען דִי אַלֶע דְרַיי דֶערְמָאנְטֶע פְּרָטִים פוּן יְצִיאַת מִצְרַיִם פַארַאן אוֹיךְ אִין עֲבוֹדַת הָאָדָם יֶעדְן טָאג.

הַתְחָלַת עֲבוֹדַת הַיּוֹם אִיז מוֹדֶה אֲנִי כו' הוֹדוּ לַהֲוָיָ', בְּחִינַת הוֹדָאָה. עֶר הָאט נִיט קֵיין פַארְשְׁטַאנְד אוּן הָאט נִיט קֵיין גֶעפִיל, עֶס אִיז נָאר אַ הוֹדָאָה אוּן אַ כְּלָלוּת'דִיקֶער אַוֶועקְגֶעבְּן זִיךְ צוּ אֱלֹקוּת. דוּגְמַת הָעֲבוֹדָה פוּן אָנְהוֹיבּ יְצִיאַת מִצְרַיִם - חוֹדֶשׁ נִיסָן.

דֶערְנָאךְ אִיז דִי עֲבוֹדָה פוּן פְּסוּקֵי דְזִמְרָה אוּן בִּרְכוֹת קְרִיאַת שְׁמַע אוּן קְרִיאַת שְׁמַע, וָואס דָאס אִיז דִי עֲבוֹדָה פוּן הִתְבּוֹנְנוּת (אֲפִילוּ בְּפָסוּק רִאשׁוֹן דִקְרִיאַת שְׁמַע: שְׁמַע - הֲבָנָה וְהַשָּׂגָה), אוּן אִיבֶּערְמַאכְן דִי מִדּוֹת בִּיז מֶען קוּמְט צוּ צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגוֹת אִין אַהֲבַת הֲוָיָ', בְּכָל לְבָבְךָ, בְּכָל נַפְשְׁךָ בִּיז צוּ וּבְכָל מְאֹדֶךָ. דוּגְמַת הָעֲבוֹדָה דְחוֹדֶשׁ אִיָּיר, דֶער גַאנְצֶער חוֹדֶשׁ - סְפִירַת הָעוֹמֶר.

דָאס אִיז דָאךְ אָבֶּער ווִי עֶר אִיז נָאךְ בִּמְצִיאוּתוֹ. דֶערְנָאךְ קוּמְט מֶען צוּ צוּ שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה, כְּעַבְדָּא קַמֵּי' מָארֵיהּ[כט], בִּיטוּל בִּמְצִיאוּת, אַז עֶר קֶען גָאר נִיט רֵיידְן, נָאר אֲדֹנָ־י שְׂפָתַי תִּפְתָּח, עֶר אִיז נָאר

34. *Hodaah,* giving thanks, also has the implication of "acknowledgement." Acknowledgment implies the recognition of a concept as true even if one does not totally understand it. Within the context of our Divine service, acknowledgment implies *bittul,* submitting oneself to G-d's will even if one does not identify intellectually or emotionally with the commitment he is making.

35. See *Rashi, Bereishis* 41:15, 42:23.

**36. *Shabbos* 10a.**

37. *Tehillim* 51:17, recited directly before the *Shemoneh Esreh* prayer.

38. *Torah Or*, p. 67b, with regard to Torah study. See *Toras Shmuel 5627,* p. 52, *et al.*, with regard to prayer.

experienced at the Giving of the Torah, **the Divine service** highlighted in **the month of Sivan.**

כְּעוֹנֶה אַחֲרֵי הַקּוֹרֵא. דוּגְמַת הָעֲבוֹדָה דְחוֹדֶשׁ סִיוָן.

## The Power to Refine

**12. Based on this, it is also possible to resolve** the question raised initially: **Why does the verse state specifically "from the day after the *Shabbos*" and not "from the day after Pesach"? An extremely lofty spiritual power is necessary to refine the animal soul.** This reflects a fundamental principle of spiritual dynamics[39] – **it is** only **"the loftier a level is, the greater its potential to descend lower."**

יב. לוֹיט דֶעם וֶועט מֶען אוֹיךְ פַאַרְשְׁטֵיין וָואס עֶס שְׁטֵייט מִמָּחֳרַת הַשַּׁבָּת דַוְקָא און נִיט מִמָּחֳרַת הַפֶּסַח.

בִּכְדֵי מֶען זָאל קֶענֶען מְבָרֵר זַיְין אוֹיךְ דֶעם נֶפֶשׁ הַבַּהֲמִית, דַארְף מֶען אוֹיף דֶעם הָאבְּן אַ כֹּחַ עֶלְיוֹן בְּיוֹתֵר. כְּמַאֲמָר[ל], כָּל הַגָּבוֹהַּ גָּבוֹהַּ בְּיוֹתֵר יוֹרֵד לְמַטָּה מַטָּה יוֹתֵר.

**Similarly, at** the time of **the Exodus from Egypt, the Jews** experienced a spiritual nadir; **they were immersed in the 49 gates of impurity. Accordingly,** to redeem them, **there had to be a revelation of** "[G-d] **in His glory, by Himself**";[20] **only He could take them out from there. As explained in the teachings of the *Arizal*,**[40] **no** lesser spiritual entity – not **an angel or seraph… – could have taken them out. On the contrary, that spiritual entity would have been** overwhelmed and **swallowed up there.**

און אַזוֹי ווִי בַּיי יְצִיאַת מִצְרַיִם, מִצַּד דֶעם וָואס אִידְן זַיְינֶען גֶעווֶען מְשׁוּקָע אִין מ"ט שַׁעֲרֵי טוּמְאָה, הָאט גֶעמוּזְט זַיְין דֶער גִילוּי פוּן בִּכְבוֹדוֹ וּבְעַצְמוֹ, וָואס דַוְקָא עֶר הָאט זֵיי גֶעקֶענְט אַרוֹיסְשְׁלֶעפְּן פוּן דָארְטְן, און ווִי עֶס ווֶערְט דֶערְקְלֶערְט אִין כִּתְבֵי הָאֲרִיזַ"ל[לא] אַז אַ מַלְאָךְ אָדֶער שָׂרָף וכו' אִיז נִיט נָאר וָואס זֵיי וָואלְטְן נִיט גֶעקֶענְט קֵיינֶעם אַרוֹיסְשְׁלֶעפְּן פוּן דָארְטְן, נָאר אַדְּרַבָּה אוֹיךְ זֵיי וָואלְטְן דָארְטְן אַיְינְגֶעשְׁלוּנְגֶען גֶעווָארְן;

**This represents merely** the first stage, **the departure from** the hold of **evil. How much more so is this additional and loftier power necessary** to facilitate **the transformation of the animal soul itself, which is** the Divine service **required as** part of the *mitzvah* of ***Sefiras HaOmer!*** This Divine influence enables the **descent to the lowest levels and** the possibility of **bringing about** a change **within evil.**

וָואס דָאס אִיז דָאךְ נִיט מֶער ווִי דֶער אַרוֹיסְגֵיין פוּן רַע, הַיְינְט מִכָּל שֶׁכֵּן בְּעִנְיַן סְפִירַת הָעוֹמֶר וָואס מֶען דַארְף אִיבֶּערְמַאכְן דֶעם נֶפֶשׁ הַבַּהֲמִית אַלֵיין, אִיז אַ וַדַּאי אַז מֶען דַארְף אוֹיף דֶעם הָאבְּן אַ כֹּחַ עֶלְיוֹן בְּיוֹתֵר, וָואס עֶר זָאל זִיךְ קֶענֶען אַרָאפְּלָאזְן לְמַטָּה און פּוֹעֵל זַיְין אִין דֶעם רַע.

**For this reason, the verse states, "You shall count for yourselves from the day after the *Shabbos*..." *Shabbos* represents the loftiest level within time but is still** encompassed **within the realm of time;**

דֶערְפַאר זָאגְט עֶר מִמָּחֳרַת הַשַּׁבָּת: שַׁבָּת אִיז דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵגָה פוּן זְמַן, אָבֶּער דָאס אִיז אוֹיךְ בְּגֶדֶר הַזְּמַן,

---

39. Explained at length in Shaarei Orah, the *maamar* entitled *Yavi'u Levush Malchus,* ch. 13ff., ch. 32ff. See also *Likkutei Sichos,* Vol. 1, p. 249ff.

40. *Siddur HaArizal,* the Pesach *Hagadah, et al.*

41. *Rashba*, Vol. 1, responsum 9. See the *maamar* entitled *Bayom HaShemini*, 5704.

it is one of **the seven days of the** weekly **cycle.**[41] **Within that cycle, it represents the apex, as our Sages**[42] **comment on the verse,**[43] **"'G-d completed on the seventh day…': What was the world lacking? Rest.** ***Shabbos*** **arrived and [with it,] came rest."** The implication is that ***Shabbos*** **rest relates to – and is an element of – the worlds. However, "the day after the** ***Shabbos*****"** **transcends** ***Shabbos;*** indeed, it represents a light **loftier than the** entire **chainlike order** of existence.

**This is the intent** of the verse, **"You shall count for yourselves from the day after the** ***Shabbos*****…."** The purpose of **"You shall count for yourselves" the 49 days, representing the emotional characteristics of the animal soul,**[44] is to **refine and purify those qualities.** This endeavor is alluded to by **the term** ***u'sefartem,*** **"you shall count," for** ***sefirah*** also **connotes shining and brilliance**[45] **– it is necessary to derive** strength **from "the day** ***after*** **the** ***Shabbos,*****"** a level that **transcends the chainlike order** of existence.

בְּגֶדֶר שִׁבְעַת יְמֵי הַהֶקֵּף[לב], אִין שִׁבְעַת יְמֵי הַהֶקֵּף גוּפָא - אִיז דָאס דִי הֶעכְסְטֶע דַרְגָא. וּכְמַאֲמַר רַזַ"ל[לג] עַל פָּסוּק וַיְכַל אֱלֹקִים בַּיּוֹם הַשְּׁבִיעִי, מֶה הָיָה הָעוֹלָם חָסֵר מְנוּחָה בָּא שַׁבָּת בָּא מְנוּחָה, מְנוּחָה פוּן שַׁבָּת אִיז שַׁיָּיךְ אוּן אַן עִנְיָן אִין עוֹלָמוֹת. מִמָּחֳרַת הַשַּׁבָּת אָבֶּער אִיז הֶעכֶער פוּן שַׁבָּת, אוֹר שֶׁלְּמַעְלָה מֵהִשְׁתַּלְשְׁלוּת.

אוּן דָאס מֵיינְט וּסְפַרְתֶּם לָכֶם מִמָּחֳרַת הַשַּׁבָּת - בִּכְדֵי עֶס זָאל זַיְין דֶער וּסְפַרְתֶּם לָכֶם, נֶעמֶען דִי מ"ט יָמִים, דִי מִדּוֹת פוּן נֶפֶשׁ הַבַּהֲמִית, אוּן מְבָרֵר וּמְזַכֵּךְ זַיְין זֵיי (וּסְפַרְתֶּם מִלְּשׁוֹן סַפִּירוּת וּבְהִירוּת[לד]), מוּז מֶען נֶעמֶען פוּן מָחֳרַת הַשַּׁבָּת, לְמַעְלָה מֵהִשְׁתַּלְשְׁלוּת.

(מלוקט מד"ה וספרתם תשי"א,
להבין ענין מתן תורה, תשי"ג)

42. ***Bereishis Rabbah*****, the end of ch. 10, with a slight variance in wording.**

43. *Bereishis* 2:2.

44. This is reflected in the *Yehi Ratzon* prayer recited after the Counting of the *Omer* which speaks of the refinement of the different emotional attributes.

45. ***Likkutei Torah, Vayikra*****, p. 35b.**

י) מנחות סה, א.
יא) תורה אור סז, ג.
יב) שמות יט, א.
יג) שמות כג, טו.
יד) במדבר א, א.
טו) חלק ג קיז, ב.
טז) שמות יט, א.
יז) סוטה יד, א.
יח) ויקרא כג, יז. מנחות נב, ב.
יט) סוטה שם.
כ) זע לקו"ש ח"א ע' 129 און ווייטער.
כא) תניא פרק לא.
כב) תניא פרק לז.
כג) דברים ו, ה. ברכות נד, א.
כד) משלי יד, ד.
כה) שבת פח, ב.
כו) ירמי' ד, כב.
כז) זע זהר חלק ב קפג, ב.
כח) פסחים קטז, ב. תניא פרק מז.
כט) שבת י, א.
ל) נתבאר בארוכה בשערי אורה ד"ה יביאו לבוש פרק יג ואילך. פרק לב ואילך. זע לקו"ש ח"א עמוד 249 און ווייטער.
לא) סידור האריז"ל בהגדה, ועוד.
לב) שאלות ותשובות הרשב"א חלק א סימן ט. וראה ד"ה ויהי ביום השמיני תש"ד.
לג) בראשית רבה סוף פ"י (בשינוי לשון).
לד) לקוטי תורה ויקרא לה, ב.

# EMOR III | אמור ג

Adapted from a *sichah* delivered on *Acharon shel Pesach,* 5713 (1953)

## Introduction

Is a unit of time, whether it be a day or a year, a self-contained entity, or is it a link in a larger progression? And what happens when that link is interrupted – can it be recovered, or is it irretrievably lost?

While philosophers may debate the matter from an abstract perspective, each one of us has to confront it within the context of our own lives. Sometimes our lives follow a straight line, an ordered progression from one stage to the next. Often, however, the path has its curves and, sometimes, there are breaks.

Looking through the lens of *halachah* offers us insight into the different stages of development in our lives and a perspective to view them. Against that personal backdrop, consider the question on which the Rebbe focuses the *sichah* that follows:

If we miss counting a single day of *Sefiras HaOmer* (the Counting of the *Omer*) – and thus have "lost" a unit of time – should we continue counting the remaining days with a blessing, or is that privilege irretrievable?

Does each day's count stand independently, or are the 49 days inherently interconnected? Perhaps there is another approach: To view each day with its unique importance, but also to see each day as a fundamental stage in the perfection of *Sefiras HaOmer* as a whole?

The Rebbe also invites us to expand this understanding beyond our individual lives and consider our place within the continuum of Jewish history as a whole. Can we see our anticipation of, and preparation for, *Mashiach's* coming not merely as preliminary groundwork, but as an integral aspect of his arrival?

# Making Every Day Count

## Does One Day Affect Another?

**1. Regarding *Sefiras HaOmer* (the Counting of the *Omer*), the law is that if** a person **fails to count one day, he should count the remainder of the days without a blessing.**[1] **The basis for this law**[2] is our Rabbis' resolution of two *halachic* opinions regarding a missed count:

One **opinion** holds **that counting each of the 49 days** of the *Omer* **constitutes a separate *mitzvah*. As such, even if a person misses one day,** failing to count that day **does not affect** the *mitzvah* to count **the other days, because** counting **each day is a *mitzvah* in its own right.**

However, **there is another opinion: that counting** all **the days** of the *Omer* **constitutes one** single ***mitzvah***, i.e., the *mitzvah* is **to count all 49 days** in a manner that the entire count **is perfect** and flawless – **תמימות. As such, if a person misses even one day, the "perfection"** of the entire counting **is lacking, and there is no way for the *mitzvah* to be accomplished.**

**According to *halachah*,** the Rabbis resolved the matter as follows: **One should count the coming days** (in consideration of the opinion that counting every day is a separate *mitzvah*), **but should not recite a blessing** (in consideration of the opinion that once one misses a day, the *mitzvah* can no longer be fulfilled).

This resolution **requires clarification: If one accepts** the opinion **that** counting **all 49 days is one *mitzvah*, what is the rationale for reciting a blessing every time a person counts?** He is reciting **49 blessings.** If the

א. דֶער דִין בַּיי סְפִירַת הָעוֹמֶר אִיז, אַז אוֹיבּ מֶען פַאַרְפֶעלְט חַס וְשָׁלוֹם אֵיין טָאג צוּ צֵיילְן, צֵיילְט מֶען דִי אִיבֶּערִיקֶע טֶעג אָן אַ בְּרָכָה[לה].

דֶער טַעַם אוֹיף דֶעם[לו]: עֶס אִיז דָא אַ דֵעָה אַז דִי נַיְין אוּן פֶערְצִיק יְמֵי הַסְפִירָה זַיְינֶען בַּאזוּנְדֶערֶע מִצְוֹות, וּבְמֵילָא, אֲפִילוּ אוֹיבּ מֶען פַאַרְפֶעלְט אַ טָאג, הָאט עֶס נִיט צוּ טָאן מִיט דִי אִיבֶּערִיקֶע טֶעג, וָואָרוּם יֶעדֶער טָאג אִיז דָאךְ אַ בַּאזוּנְדֶער מִצְוָה.

נָאךְ אַ דֵעָה אִיז, אַז יְמֵי סְפִירָה זַיְינֶען אֵיין מִצְוָה - צוּ צֵיילְן נַיְין אוּן פֶערְצִיק טֶעג, תְּמִימוֹת. וּבְמֵילָא, אוֹיבּ מֶען פַאַרְפֶעלְט אֲפִילוּ אֵיין טָאג, פֶעלְט שׁוֹין אִין תְּמִימוֹת, אוּן מֶען קֶען שׁוֹין דִי מִצְוָה מֶער נִיט מְקַיֵּים זַיְין. וְלַהֲלָכָה פִּירְט מֶען זִיךְ אַז מֶען צֵיילְט דִי אִיבֶּערִיקֶע טֶעג אָבֶּער אָן אַ בְּרָכָה.

אִיז נִיט פַארְשְׁטַאנְדִיק: אוֹיבּ מֶען נֶעמְט אָן אַז אַלֶע נַיְין אוּן פֶערְצִיק טֶעג זַיְינֶען אֵיין מִצְוָה, הַיְינְט וִוי אַזוֹי מַאכְט מֶען אַ בְּרָכָה אוֹיף יֶעדֶער מָאל צֵיילְן, נַיְין אוּן פֶערְצִיק בְּרָכוֹת, מֶען הָאט דָאךְ

1. ***Shulchan Aruch, Orach Chayim* 489:8.** The rationale is, as stated in *Vayikra* 23:15., the *mitzvah* is that there be "seven perfect weeks."

2. See **the commentaries on the *Shulchan Aruch*, loc. cit.**, and **the Alter Rebbe's *Shulchan Aruch*, 489:23-24.**

counting is one *mitzvah*, **he should recite only one blessing, either** before **the first time** he counts **or** before **the last time** he counts. **Furthermore, according to that opinion,** since **the counting is one *mitzvah,* if he fails to count one day, the failure affects not only the coming days but also the previous ones. Thus, the law should be that** a person **should not recite a blessing until the final day because of the possibility that he will forget to count** one day, **in which instance, all the blessings recited previously would have been in vain.**[3]

**It is possible to** offer yet another perspective: **In truth,** counting all 49 days **constitutes 49 different *mitzvos*; one fulfills a different *mitzvah* each night. However, on the first night, the *mitzvah* is to count the first** day, **on the second night, the second** day, **on the third night, the third** day, **etc. Thus, if a person fails to count one day, he can no longer fulfill the *mitzvah* of counting on the following days. For example, if he failed to count on the second night, on the later days, it is not correct to say, "Today is three days…," or "Today is four days," etc., because there cannot be a third or a fourth** day **without a second** day. **As such, if he fails to count one day, there is a lack only regarding the coming days, but not regarding the previous ones, because each day is a separate *mitzvah*.**

גֶעדַארְפְט מַאכְן נִיט מֶער וִוי אֵיין בְּרָכָה, בַּתְּחִלָּה אָדֶער בַּסּוֹף?

אוֹיךְ אִיז נִיט פַארְשְׁטַאנְדִיק: נָאךְ דֶער דֵעָה, וֶוען מֶען פַארְפֶעלְט אֵיין מָאל צֵיילְן, אִיז דָאךְ דָאס נוֹגֵעַ נִיט נָאר צוּ דִי שְׁפֶּעטֶערְדִיקֶע טֶעג נָאר אוֹיךְ צוּ דִי פְרִיעֶרְדִיקֶע, עֶס אִיז דָאךְ אֵיין מִצְוָה, הָאט גֶעדַארְפְט זַיְין דֶער דִין אַז בִּיז צוּם לֶעצְטְן טָאג זָאל מֶען נִיט קֶענֶען מַאכְן קֵיין בְּרָכָה, מִצַּד דֶעם חֲשַׁשׁ טָאמֶער וֶועט עֶר פַארְגֶעסְן צוּ צֵיילְן, וֶועלְן דִי פְרִיעֶרְדִיקֶע בְּרָכוֹת זַיְין לְבַטָּלָה[ז].

קֶען מֶען זָאגְן: בֶּאֱמֶת זַיְינֶען דָאס טַאקֶע נַיְין אוּן פֶערְצִיק בַּאזוּנְדֶערֶע מִצְווֹת. יֶעדֶע נַאכְט אִיז אַ בַּאזוּנְדֶער מִצְוָה. דִי מִצְוָה אִיז אָבֶער, אַז דִי עֶרְשְׁטֶע נַאכְט זָאל מֶען צֵיילְן דִי עֶרְשְׁטֶע סְפִירָה, דִי צְווֵייטֶע נַאכְט דִי צְווֵייטֶע סְפִירָה, דִי דְרִיטֶע נַאכְט דִי דְרִיטֶע, אוּן אַזוֹי וַוְיִיטֶער. בְּמֵילָא, אוֹיבּ מֶען פַארְפֶעלְט אֵיין מָאל צוּ צֵיילְן, קֶען מֶען שׁוֹין נִיט צֵיילְן וַוְיִיטֶער. וּלְדוּגְמָא: אוֹיבּ מֶען פַארְפֶעלְט דִי צְווֵייטֶע נַאכְט, קֶען מֶען נִיט זָאגְן שְׁפֶּעטֶער הַיּוֹם שְׁלֹשָׁה יָמִים, אַרְבָּעָה יָמִים וכו', - עֶס קֶען דָאךְ נִיט זַיְין קֵיין דְרִיטֶע אוּן פֶערְטֶע אָן אַ צְווֵייטֶע, וּבְמֵילָא קוּמְט אוֹיס, אַז פַארְפֶעלְן אֵיין מָאל צֵיילְן, אִיז אַ חִסָּרוֹן נָאר אִין דִי וַוְיִיטֶערְדִיקֶע טֶעג אָבֶער נִיט אִין דִי פְרִיעֶרְדִיקֶע, וְוִיבַּאלְד יֶעדֶער טָאג אִיז אַ בַּאזוּנְדֶער מִצְוָה.

## The Power of a *Mitzvah*

2. **There is a *halachic* inquiry regarding counting** units of time: **Is the counting** of a unit of time **itself a significant matter and the Torah states that** counting **such a matter in the context of *Sefiras HaOmer,* or the Sabbatical year or Jubilee years, is a *mitzvah*? Or is counting**

ב. עֶס אִיז דָא אַ חֲקִירָה בְּעִנְיַן סְפִירָה, צִי דֶער עֶצֶם עִנְיַן סְפִירָה, צֵיילְן, אִיז אַ מְצִיאוּת, אוּן דִי תּוֹרָה זָאגְט אַז דִי מְצִיאוּת בְּעִנְיַן הָעוֹמֶר שְׁמִטָּה וְיוֹבֵל וכו' זָאל זַיְין אַ מִצְוָה; אָדֶער אַז מִצַּד עַצְמָהּ, אָן דֶער מִצְוָה,

3. See *Chok Yaakov* 389:6; *Pri Megadim, Mishbetzos Zahav* 389:1.

a unit of time **in of itself, outside the context of the *mitzvah*, not a significant matter** since **it is only the *mitzvah* that endows** the counting **with importance?**

**This discussion leads to a difference in actual practice: When a** non-Jewish **servant**[4] (who is not obligated to count the *Omer*) **did count** every day before being freed and then **is freed during *Sefiras HaOmer,* may he count** the remainder of the days **with a blessing? If we posit that counting the days itself causes them to be considered a significant entity,** he may count with a blessing. **Since he counted** the days **previously, he can continue counting with a blessing. However, if we were to say that the entire significance of the counting stems only from the *mitzvah*,** then, **since he was not commanded** to count **beforehand** and it was not a *mitzvah* for him**, it is as if he did not count,** and thus, it is as if the previous days of the counting **did not exist. Thus, he cannot count** with **a blessing from this time onward.**

This **query is not relevant regarding a convert who converts during *Sefiras HaOmer***, because **he is a new person**, as it were – to borrow our Sages'[5] words, **he is like a newborn infant.** Thus, his previous counting is entirely insignificant; it is as if he had not counted before.

The author of ***Minchas Chinuch***[6] **also discusses this matter. However, his discussion does not focus on the fact that the very existence of the days is lacking. Instead,** he focuses on the concept **that** counting **all 49 days is one *mitzvah*. Accordingly, his question concerns not only a servant freed during the days of the counting, but also a minor who attained** *halachic* **maturity** (***Bar Mitzvah***) during that time. **Since his question arises from the possibility that all the days are one *mitzvah*, it**

**אִיז עֶס גָאר קֵיין מְצִיאוּת נִיט. וָוארוּם מְסַפֵּר לְעַצְמוֹ אִיז קֵיין מְצִיאוּת נִיט, נָאר מִצַּד הַמִּצְוָה, אִיז מִצְוָתֵיהּ אַחְשְׁבֵיהּ, וֶוערְט עֶס אַ מְצִיאוּת.**

**דִי נַפְקָא מִינָּהּ פוּן דֶער חֲקִירָה לְדִינָא אִיז: אַן עֶבֶד שֶׁנִּשְׁתַּחְרֵר בְּאֶמְצַע יְמֵי הַסְּפִירָה, וּבְעֵת עֶר אִיז גֶעוֶוען אַן עֶבֶד הָאט עֶר גֶעצֵיילְט סְפִירָה, צִי קֶען עֶר אִיצְטֶער צֵיילְן מִיט אַ בְּרָכָה: אוֹיבּ מֶען וֶועט זָאגְן אַז דֶער עֶצֶם עִנְיָן פוּן סְפִירָה אִיז אַ מְצִיאוּת, אִיז וְוִיבַּאלְד עֶר הָאט אוֹיךְ פְרִיעֶר גֶעצֵיילְט, קֶען עֶר שְׁפֶּעטֶער צֵיילְן מִיט אַ בְּרָכָה. אוֹיבּ אָבֶּער מֶען וֶועט זָאגְן אַז דִי גַאנְצֶע מְצִיאוּת הַסְּפִירָה אִיז נָאר מִצַּד הַמִּצְוָה, אִיז וְוִיבַּאלְד אַז פְרִיעֶר אִיז עֶס בַּיי אִים קֵיין מִצְוָה נִיט גֶעוֶוען, אִיז דָאךְ דִי מְצִיאוּת נִיט גֶעוֶוען, פוּנְקְט וְוִי עֶר וָואלְט נִיט גֶעצֵיילְט, בְּמֵילָא קֶען עֶר אִיצְטֶער קֵיין בְּרָכָה נִיט מַאכְן.**

**- גֵר שֶׁנִּתְגַּיֵּר בְּאֶמְצַע יְמֵי הַסְּפִירָה - אִיז קֵיין שְׁאֵלָה נִיט, וַוייִל עֶר וֶוערְט דָאךְ אַ נַייְעֶר מֶענְטְשׁ, כְּקָטָן שֶׁנּוֹלַד. -**

**דִי שְׁאֵלָה קְלֶערְט אוֹיךְ דֶער מִנְחַת חִינּוּךְ[ל״ח], עֶר קְלֶערְט דָאס אָבֶּער נִיט מִצַּד וָואס עֶס פֶעלְט בִּמְצִיאוּת הַסְּפִירָה, נָאר לוֹיט דֶער סְבָרָא אַז דִי גַאנְצֶע נַיְין אוּן פֶערְצִיק טֶעג זַיְינֶען אֵיין מִצְוָה. וּבְמֵילָא אִיז זַיְין שְׁאֵלָה נִיט נָאר בְּעֶבֶד שֶׁנִּשְׁתַּחְרֵר נָאר אוֹיךְ בְּקָטָן שֶׁנִּתְגַּדֵּל בְּאֶמְצַע יְמֵי הַסְּפִירָה. וְוִיבַּאלְד אַז זַיְין שְׁאֵלָה אִיז מִצַּד דֶעם וָואס אַלֶע טֶעג זַיְינֶען אֵיין מִצְוָה, אִיז דִי שְׁאֵלָה שַׁיָּיךְ אוֹיךְ בַּיי קָטָן**

4. The main text is speaking about a non-Jewish servant who possesses a unique *halachic* status. He is no longer an outright non-Jew and must observe all the Torah's prohibitions and all the positive commandments incumbent on women. However, he is not a full-fledged Jew and is not obligated to observe the time-oriented positive commandments. See *Rambam, Hilchos Issurei Bi'ah,* ch. 14.

5. *Yevamos* 22a, *et al.*

**6. *Mitzvah* 306.**

**also concerns a child who attains maturity. Although a minor is also commanded** to count the days of the *Omer* **to train** him in the observance of the *mitzvos,* his obligation is only **of Rabbinic origin. Hence, it can be said that** the minor's observance of **a Rabbinic *mitzvah* is considered of no consequence regarding the completion of a Scriptural *mitzvah*.**

שֶׁנִתְגַדֵל, כָּאטש אַז בַּיי אַ קָטָן אִיז אוֹיךְ פְּרִיעֶר פַּאַראַן אַ מִצְוָה מִצַד הַחִינוּךְ, וְוִיבַּאלְד אָבֶּער אַז דָאס אִיז נָאר מִדְרַבָּנָן, קֶען מֶען זָאגְן, אַז מִצְוָה דְרַבָּנָן הֶעלְפְט נִיט לְהַשְׁלִים מִצְוָה דְאוֹרַיְיתָא.

**However,** a different rationale applies **according to the previous explanation that every day is a separate *mitzvah*:**

**The reason** why a person who failed to count one day may not recite a blessing on subsequent days **is only** that he is lacking a day in the count. Thus, **there cannot be a third day without a second, etc. As such,** counting **the preceding days is not significant because the *mitzvah*** of counting them was fulfilled, **but** because of the significance of **their** very **existence.**

**Accordingly,** based on the conception that it is the *mitzvah* that endows the counting with significance, **the question applies only regarding a servant who was freed: Since he did not fulfill a *mitzvah* at all by counting beforehand,** from the standpoint of *halachah,* it is as if the days he counted **did not exist. By contrast, there is no question regarding a minor who attains maturity** during the days of *Sefiras HaOmer*. **Since,** until this time, he fulfilled **a Rabbinic *mitzvah*** by counting**, the** Rabbinic ***mitzvah* endows his count of** the previous days **with importance, making them a** significant **entity.**

אָבֶּער לוֹיט ווִי עֶס אִיז דֶערְקְלֶערְט גֶעוואָרְן, אַז יֶעדֶער טָאג אִיז אַ בַּאזוּנְדֶער מִצְוָה, אוּן דֶער טַעַם אִיז נָאר וואָס עֶס קֶען נִיט זַיְין קֵיין דְרִיטֶער טָאג אָן אַ צְווֵייטְן וכו׳, בְּמֵילָא אִיז דָאךְ דָאס וואָס מֶען דַארְף אָנְקוּמֶען צוּ דִי פְּרִיעֶרְדִיקֶע טֶעג אִיז דָאס נִיט צוּ דֶער מִצְוָה שֶׁבָּהֶם, נָאר צוּ דֶער מְצִיאוּת שֶׁבָּהֶם, אִיז דֶערְפַאר דִי שְׁאֵלָה נָאר לְגַבֵּי עֶבֶד שֶׁנִשְׁתַּחְרֵר, ווִיבַּאלְד אַז פְּרִיעֶר אִיז כְּלַל קֵיין מִצְוָה נִיט גֶעווֶען בִּסְפִירָתוֹ, אִיז נִיטָא דִי מְצִיאוּת, אָבֶּער בַּיי קָטָן שֶׁנִתְגַדֵל אִיז עֶס קֵיין שְׁאֵלָה נִיט, וואָרוּם אוֹיךְ אַ מִצְוָה דְרַבָּנָן, אִיז מִצְוָתֵיהּ אַחְשְׁבֵיהּ, מַאכְט אַ מְצִיאוּת.

## This is Relevant to All of Us

3. A practical **implication of the above: We are awaiting the coming of *Mashiach* every day.**[7] The intent is not merely that we are waiting for him to come sometime in the future. Instead, we await his coming this very day; we anticipate that he come **tonight, tomorrow morning, during** all **the days of *Sefiras HaOmer*.**

ג. הַיוֹצֵא מִזֶה: עֶס אִיז דָאךְ אֲחַכֶּה לוֹ - לְמָשִׁיחַ - בְּכָל יוֹם שֶׁיָבוֹא, הַיְינְט בַּיְינַאכְט, צִי מָארְגְן אִינְדֶערְפְרִי, אִין מִיטְן דִי יְמֵי הַסְפִירָה.

---

7. The restatement of the twelfth of *Rambam's* Thirteen Principles of Faith (his Commentary on the Mishnah, the Introduction to *Sanhedrin,* ch. 10) as found in many *siddurim*.

**Once the *Tzemach Tzedek* spoke of *Mashiach's* coming at a time when** our Sages **said that he would not come. One** of the *Tzemach Tzedek's* listeners **asked: "How is it possible? It is stated that *Mashiach* will not come at such a time."**

**The *Tzemach Tzedek* answered him: "Let him come. When he comes, he will answer all the questions,** including also **the answer to this question."**

The anticipation of *Mashiach's* coming also relates to the above discussion because there is a difference of opinion among the Rabbis: At present, after the destruction of the *Beis HaMikdash*, does our Counting of the *Omer* fulfill a Scriptural command or is it merely a Rabbinic command, instituted as a remembrance of the *Beis HaMikdash*?[8] Based on the above, it can be said that **even according to the authorities who maintain that the Counting of the *Omer* in the present era is only a Rabbinic** *mitzvah,* if *Mashiach* comes now, **we will be able to** continue to **count with a blessing after his arrival.**[9]

- דֶער צֶמַח צֶדֶק הָאט אַמָאל גֶערֶעדט וֶועגְן בִּיאַת הַמָּשִׁיחַ אִין אַזַא זְמַן וָואס שְׁטֵייט אַז עֶר קֶען נִיט קוּמֶען. הָאט אֵיינֶער אַ פְרֶעג גֶעטָאן: הֲיִתָּכֵן? עֶס שְׁטֵייט דָאךְ אַז אִין דֶער צַייט קֶען עֶר נִיט קוּמֶען? הָאט אִים דֶער צֶמַח צֶדֶק גֶעעֶנְטְפֶערְט: זָאל עֶר קוּמֶען, אוּן אַז עֶר וֶועט קוּמֶען וֶועט מֶען דָאךְ פַארֶענְטְפֶערְן אַלֶע קַשְׁיוֹת, וֶועט מֶען פַארֶענְטְפֶערְן אוֹיךְ דִי קַשְׁיָא -

אִיז אֲפִילוּ לְדַעַת הַפּוֹסְקִים אַז מִצְוַת סְפִירַת הָעוֹמֶר בִּזְמַן הַזֶּה אִיז נָאר מִדְּרַבָּנָן[לט], וֶועט מֶען דַאן אוֹיךְ קֶענֶען צֵיילְן מִיט אַ בְּרָכָה, כַּנַ"ל.

## Signposts to the Future

**4. Our Sages**[10] **state – and *Ramban***[11] **elaborates on this point – that the *mitzvos* we fulfill in the present era are signs regarding the *mitzvos* we will fulfill in the future. This is** alluded to in the **words** of our *Musaf* prayers, **"There we will offer** the sacrifices… **according to the *mitzvos* of Your will."** The implication is that it is **specifically in the Ultimate Future that** we will observe **the *mitzvos* "according … to Your will." By contrast, the *mitzvos* we observe at present are not** being observed **in the most perfect manner. They are comparable to preparations for the *mitzvos* of the future.**[12]

**Nevertheless, we should not minimize the cherished nature of the *mitzvos* we observe at present, for it is specifically through them that we will reach the *mitzvos***

ד. עֶס שְׁטֵייט אִין דִּבְרֵי רַזַ"ל, אוּן אִין רַמְבַּ"ן אִיז עֶר אִין דֶעם מַאֲרִיךְ, אַז דִי מִצְוֹת וָואס מֶען אִיז מְקַיֵּים אִיצְטֶער זַיְינֶען צִיּוּנִים צוּ דִי מִצְוֹת דִּלֶעָתִיד, ווִי מִיר זָאגְן, וְשָׁם נַעֲשֶׂה לְפָנֶיךָ כו' כְּמִצְוַת רְצוֹנֶךָ, אַז לֶעָתִיד דַּוְקָא וֶועט זַיְין כְּמִצְוַת רְצוֹנֶךָ, אָבֶער דִי מִצְוֹת וֶועלְכֶע מֶען אִיז מְקַיֵּים אִיצְטֶער זַיְינֶען זֵיי נִיט בְּתַכְלִית הַשְּׁלֵימוּת אוּן זֵיי זַיְינֶען בְּדוּגְמַת הֲכָנָה צוּ דִי מִצְוֹות פוּן לֶעָתִיד[מ].

פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן, דַארְף מֶען נִיט מְמַעֵט זַיְין חַס וְשָׁלוֹם אִין דֶער טַייֶערְקַייט פוּן מִצְוֹות

8. See **the Alter Rebbe's *Shulchan Aruch*** 589:2.

9. See *Likkutei Sichos,* Vol. 38, pp. 11ff, 16 and footnotes, where the Rebbe discusses this matter in greater detail.

10. *Sifri, Devarim* 11:17.

11. *Ramban, Vayikra* 18:25.

**12. See the series of *maamarim* entitled *Vechachah,* 5637, sec. 17ff.**

דְּעַכְשָׁיו, ווָארום דַוְקָא דוּרְךְ זֵיי קוּמְט מֶען צוּ צוּ דִי מִצְווֹת דְּלֶעָתִיד, וְיָדוּעַ[מא] אַז הַגּוֹרֵם לְדָבָר אִיז הֶעכֶער פוּן דֶער זַאךְ ווֶעלְכֶע עֶר אִיז גּוֹרֵם,

וּבִפְרָט זֶעט מֶען דָאס בְּמִצְוַת הַסְּפִירָה - ווָאס כְּלָלוּת עִנְיַן הַסְּפִירָה אִיז אַן הֲכָנָה צוּ מַתַּן תּוֹרָה - אַז דַוְקָא דוּרְךְ דֶעם ווָאס מֶען צֵיילְט אִיצְטֶער סְפִירָה, ווֶעט מֶען קֶענֶען צֵיילְן אוֹיךְ לֶעָתִיד מִיט אַ בְּרָכָה,

ווָאס פוּן דֶעם זֶעט מֶען דָאךְ דִי מַעֲלָה פוּן דֶער עֲבוֹדָה פוּן אִיצְטֶער בִּזְמַן הַגָּלוּת, וּכְמַאֲמַר רַזַ"ל[מב]: יָפָה שָׁעָה אַחַת בִּתְשׁוּבָה וּמַעֲשִׂים טוֹבִים בָּעוֹלָם הַזֶּה מִכָּל חַיֵּי עוֹלָם הַבָּא.

(משיחת אחש"פ, תשי"ג)

of the Ultimate Future. As is well known,[13] a catalyst that brings about a result is loftier than the result it brings about.

**In particular, this applies regarding the** ***mitzvah*** **of** ***Sefiras HaOmer*** because, **in general, its purpose is to serve as preparation,** to create the setting **for the Giving of the Torah.** Similarly, **our current Counting of** the *Omer* **will serve as preparation,** enabling **us to fulfill this** ***mitzvah*** **with a blessing in the Ultimate Future.**

**From this, we can appreciate the special quality of** our **Divine service in the era of exile. As our Sages**[14] **taught, "One moment of** ***teshuvah*** **and good deeds in this world is more desirable than the entire life of the World to Come."**

13. Ibid., sec. 15.

14. *Avos* 4:17.

לה) שולחן ערוך אורח חיים סימן תפט ס"ח.

לו) בנושאי כלי השולחן ערוך שם. בשולחן ערוך אדמו"ר הזקן סימן תפט סעיף כג־כד.

לז) ראה בחק יעקב שם סק"ו, ובפרי מגדים שם משבצות סעיף קטן א.

לח) מצוה שו.

לט) הובא בשולחן ערוך אדמו"ר הזקן אורח חיים סימן תפט.

מ) זע המשך וככה תרל"ז פרק יז ואילך.

מא) זע דארט פרק טו.

מב) אבות פרק ד משנה יז.

CREDITS:

Copyright by Sichos in English

Rabbi Eliyahu Touger
Rabbi Sholom Ber Wineberg
*Translators*

Rabbi Sholom Zirkind
Rabbi Zalmy Avtzon
*Content Editors*

Uriella Sagiv
David Hendler
*Copy Editors*

Yosef Yitzchok Turner
*Typesetting*

Spotlight Design
*Layout and Cover*

Mayer Preger
*Advisory Board*

Rabbi Shmuel Avtzon
*Director, Sichos In English*

הרה״ת ר׳ משה יהודה בן ר׳ צבי יוסף ע״ה
Rabbi Moshe Kotlarsky OBM,
*whose commitment has brought this sacred initiative to fruition*

sie